STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01447

# 100 FOLKS LIDER

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Drs. Martin & Estelle Lefkowitz*
*in memory of*
*Samuel & Minnie Lefkowitz*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# 100

# פאלקס-לידער

## פון דער נייער און לעצטער ערא.

פארלאג ש. גאָלדפארב ווארשא, דזיקא 31

דרוקערײ ש. רעדליך, װארשא, נאוואליפיע 69

Druk: G. Piment Warszawa Sierakowska 4

# אינהאלט:


| № | | זייט |
|---|---|---|
| 1 | דריי גיטאַרינס. י. ל. פּרץ | 3 |
| 2 | אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך. ב. שאַפּיר | 4 |
| 3 | העמערל. א. רייזען | 4 |
| 4 | מאי קא משמע לן. א. רייזען | 5 |
| 5 | אין חדר. מ. מילנער | 6 |
| 6 | שטערענדעל. מ. קולבאַך | 7 |
| 7 | 80 ער און 70 זי. מ. מ. ווארשאַווסקי | 8 |
| 8 | דער פילאָזאָף, (פאָלקס-ליד) | 10 |
| 9 | דאָס קינד ליגט אין וויגעלע | 10 |
| 10 | וואָס וועט זיין אז משיח וועט קומען | 11 |
| 11 | טייער יאַנקעלע | 12 |
| 12 | זאָל איך ווערען אַ רבי | 13 |
| 13 | פאָרט דאָס חסיד'ל צו דעם רבי'ן | 13 |
| 14 | אַ גוטער ג'אָוועגט בריינע | 14 |
| 15 | אַמאָל איז געווען אַ מעשה | 15 |
| 16 | יאַמע, יאַמע | 16 |
| 17 | אין ווילדען וואַלד אַליין | 17 |
| 18 | לייג איך מיר מיין קעפּעלע | 18 |
| 19 | אוי אַברהם! | 19 |
| 20 | די מאַמע האָט מיך געשיקט | 19 |
| 21 | 1) אלף—אנ'אָדלער קארפינאוויטש, ווילנא | 20 |
| 22 | 2) אלף—אנ'אָדלער, י. דינעזאָן | 21 |
| 23 | מיין נישט, י. ל. פּרץ | 22 |
| 24 | וואו ביזטו געווען? ז. סעגאַלאָוויטש | 22 |
| 25 | אומעטיג, א. רייזען | 23 |
| 26 | ער זעצט זיך אַנידער. ה. ד. נאָמבערג | 23 |
| 27 | אוי וועה, טאָכטער, ס'איז שוין צען אַ זייגער, אפרים קאַגאַנאָווסקי | 24 |
| 28 | פּישעלעך קויפּען | 24 |
| 29 | רבונו של עולם כ'האָב צו דיר אַטענה, י. מ. ווייסענבערג | 24 |
| 30 | זיץ איך מיר אויפן בענקעלע, אַרט. פישלעוויטש | 25 |
| 31 | ביזטו מיט מיר ברוגז. דניאל לייבעל | 26 |
| 32 | אַלף—איינגעמאַכץ עסט דער נגיד א. ליטוואַק | 26 |
| 33 | מאַי, מ. ראָזענפעלד | 27 |
| 34 | מיין יונגעלע „ | 28 |
| 35 | שבת יום-טוב און ראש-חודש א, גאָלדפאַדען | 28 |
| 36 | גלות-מאַרש, מ. ראָזענפעלד | 29 |
| 37 | דער נאַכט-וועכטער, א. רייזען | 29 |
| 38 | מיין זיידענס ברכה, י. יפה | 30 |
| 39 | אונטער די גריגינקע בוימעלאַך ח. נ. ביאַליק | 31 |
| 40 | אויגעלעך הארציגע, י. א. לייזעראָוויטש | 31 |
| 41 | אַ יונגעלע פון פוילען | 32 |
| 42 | בראָנטשעלע | 32 |
| 43 | אַ מיידעל אין די יאָרען | 33 |
| 44 | אין דרויסען איז אַ טריבער טאָג | 33 |
| 45 | אַ ליד פון אַ פייגעלע | 34 |
| 46 | אַ ליבע | 34 |
| 47 | פייגעלע איז געווען אַ וואוילע מויד | 35 |
| 48 | די גאָלדענע פּאווע | 36 |
| 49 | לאָמיר זיך איבערבעטען | 36 |
| 50 | מלוה מלכה, פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער | 37 |
| 51 | אַ חברי'טע | 37 |
| 52 | העלף מיר גאָטעניו! | 38 |
| 53 | אַ וויג-ליד, ה. ד. נאָמבערג | 39 |
| 54 | זאַמד און שטערן, ש. פרוג | 39 |

| № | | זייט |
|---|---|---|
| 55 | הער נאָר דו שעהן מיידעלע | 40 |
| 56 | דאָס קאָזשעניצער שניידער׳ל א. היינדעלזאלץ | 41 |
| 57 | נאָר נעמען באַגראַנדע, ש. לעהמאַן | 42 |
| 58 | ניין, מאַמע, ניין, מוטער, בערל לאָקער | 42 |
| 59 | פון מאַנטאָג אינדערפרי ביז פריי־טאָג פאַרנאַכט, רחל באָקשטיין | 44 |
| 60 | וואָס וועט זיין מיט דעם רבי׳ן דעם פרומען. בעלערינא רובינליכט | 44 |
| 61 | יאָשקע פאָרט אַוועק | 45 |
| 62 | בעסער א מלמד | 46 |
| 63 | די שטאָק־שפיל, א. צ ע נ ז ע ר | 46 |
| 64 | פריליגגס רעגען, ח. רויזענבלאַט | 48 |
| 65 | עלעגיע, יצחק. קאַצענעלזאָהן | 49 |
| 66 | דאָס געבעט, א. ר ײ ז ע ן | 49 |
| 67 | אָנהייב פרילינג 〃 | 50 |
| 68 | די מוטער צום קינד 〃 | 51 |
| 69 | אין וואַרשטאַט, ל. י פ ה | 51 |
| 70 | אַ גרוס דער מוטער ציון, א. גאָלדפאַדען | 52 |
| 71 | צו דער חופה געהענדיג, | 53 |
| 72 | בין איך מיר אַ כלה | 53 |
| 73 | אַלף־בית, מ. וואַרשאַווסקי. | 54 |
| 74 | דער תנא און דער שטן, אַ. וואלק | 56 |
| 75 | בײַם וואַלד י. פ ר אָ פ ו ס | 57 |

| № | | ז״ |
|---|---|---|
| 76 | אַהיים, אַ. ר ײ ז ע ן | 57 |
| 77 | ציון, ש. פ ר ו ג | 57 |
| 78 | די אָרימע כלה, א. ר ײ ז ע ן | 58 |
| 79 | צו אַ ברודער 〃 | 59 |
| 80 | דער קאַנאַרעק, | 59 |
| 81 | עס זינגט זיך נישט, מ. וואַרשאַווסקי | 60 |
| 82 | אין קישען, א. ר ײ ז ע ן | 60 |
| 83 | די האָפנונג, נ. א י מ ב ע ר | 60 |
| 84 | אין שטאָט, א. ר ײ ז ע ן | 61 |
| 85 | מעשה שטן, י ה ו א ש | 62 |
| 86 | די סאָכע, א. צ ע נ ז ע ר | 63 |
| 87 | בין איך מיר אַ מלמד׳ל | 67 |
| 88 | די אייזענבאַהן, א. צ ע נ ז ע ר | 67 |
| 89 | דאָס יונגעלע, (פאָלקס־ליד) | 68 |
| 90 | אין קוזשניע, מ. ראָזענפעלד | 68 |
| 91 | ס׳איז ארויס אַ נייע מאָדע, | 69 |
| 92 | איינס, צוויי, דריי, פיר, | 69 |
| 93 | יענער האָט אַ הויכען מויער, | 70 |
| 94 | די קירכען־גלאָקען, א. ר ײ ז ע ן | 71 |
| 95 | דאָס נײַע ליד 〃 | 72 |
| 96 | מיר ברעכען 〃 | 73 |
| 97 | אַ מאַשין, מ. ראָזענפעלד | 74 |
| 98 | ווער ס׳האָט פערל, א. ב י אַ ל י ק | 75 |
| 99 | עס האָט מיר מיין מאַמע דערציילט | 76 |
| 100 | אזרא פון היינ׳ען | 77 |
| 101 | דער אָוועגדרגלאָק, ד. עדעלשטאַדט | 78 |

# דריי נייטאָרינס.

די אויגען רויט, די ליפּען בלוי,
קיין טראָפּען בלוט נישטאָ.
    דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שווייס.
    דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס —
עס זיצען דריי מיידלעך און נייען!

. . . . . . . . . . . .

די נאָדעל — בלאַנק, די לייוואַנד שניי,
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי!
    איך ניי בייטאָג, איך ניי ביינאַכט,
    קיין חופּה-קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס איך ניי?

נישט איך שלאָף, און נישט איך עס...
איך וואָלט געגעבען אויף מאיר בעל-נס,
    אפשר וואָלט ער זיך געמיט:
    אַן אַלמן כאָטש, אַן אַלטען ייד
מיט קינדערלעך א שאָק!

. . . . . . . . . . . .

די צווייטע טראַכט: איך ניי און שטעפּ
און שטעפּ מיך אויס נאָר גרויע צעפּ!
    דער קאָפּ — ער ברענט, די שלייף — זי האַקט,
    און די מאַשין — קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ-טאַ, טאַ-טאַ, טאַ-טאַ!

איך פאַרשטיי דאָך יענעמס ווינק!
אַ חופּה, אַן אַרינג,
    וואָלט געווען אַ שפּיל, אַ טאַנץ,
    א ליבע אויף — א יאָר א גאַנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?

. . . . . . . . . . . .

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:

איך נײ מיר קראַנק, איך נײ מיר בלינד!
עס צוויקט די ברוסט בײ יעדען שטאָך—
און ער האָט חתונה די וואָך!
איך ווינש אים נישט קײן שלעכטס!
עס, פאַרגעסען וואָס אַמאָל!...
תכריכים וועט מיר געבען קהל,
אויך אַ קלײנטשיק פּיצעל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפען, שלאָפען!...

## אויף דעם בוידעם שלאָפט דער דאַך.

אויף דעם בוידעם שלאָפט דער דאַך
צוגעדעקט מיט שינדעלעך;
און אין וויגעל ליגט אַ קינד
נאַקעט גאָר אָן ווינדערלעך.
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי,
עכט די ציג פון דאַך דעם שטרוי;
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי.
אויפ׳ן בוידעם שטײט אַ וויג,
וויגט זיך דאָרט אַ שפּין אין איר;
ציט עס פון מיר דאָס חיות אויס
און דעם דלות לאָזט ער מיר.
האָפּ, האָפּ, א. אַז. וו.
אויפ׳ן בוידעם שטײט אַ האָן
און זײן קאַם איז פײער־רויט;
זאָל מײן ווײב ערגעץ באָרגען
פאַר די קינדער אַ שטיקעל ברויט.
האָפּ, האָפּ, א. אַז. וו.

## העמערעל.

אָ, העמערעל, העמערעל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוועק נאָך אַ טשוועק!

קיין ברויט איז אין שטוב שוין נישטאָ,
גאָר צרות און לייד אָן אָן עק!
אָ, העמעריעל, העמעריעל, קלאַפּ!
—עס שלאָגט שוין דער זייגער באַלד צוועלף—
די אויגען, זיי מאַכען זיך צו, —
גיב כח, אָ גאָטעניו, העלף!...
אָ, העמעריעל, העמעריעל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשועקעס, שלאָג גיך:
ביז מאָרגען מוז פאַרטיג שוין זיין
דער גביר'טעס טאָכטער'ס שיך.
אָ, העמערעל, קלאַפּ!
נישט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס!
מיין איינציגער שפּייזער ביסטו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס!...

## מאַי קא משמע לן.

מאַי קא משמע לן דער רעגען,
וואָס-זשע לאָזט ער מיר צו הערען?
זיינע טראָפּענס אויף די שויבען
קייקלען זיך, ווי טריבע טרערען.
און די שטיוועל איז צוריסען,
און עס ווערט אין גאַס אַ בלאָטע;
באַלד וועט אויך דער ווינטער קומען—
כ'האָב קיין וואַרימע קאַפּאָטע...

. . . . . . . . . .

מאַי קא משמע לן דאָס ליכטעל?
וואָס-זשע לאָזט עס מיר צו הערען?
ס'קאַפּעט און עס טריפט איר חלב
און ס'וועט באַלד פון איר נישט ווערען.
אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלייזעל,
ווי אַ ליכטעל, שוואַך און טונקעל,
ביז איך וועל אַזוי מיר אויסגיין

אין דער שטיל אין מזרח־ווינקעל...

. . . . . . . . . . .

מאַי קא משמע לן דער זייגער?
וואָס־זשע לאָזט ער מיר צו הערען?
מיט זיין געלבען ציפער־בלעטעל,
מיט זיין קלינגען, מיט זיין שווערען?
ס'איז אַן אָנגעשטעלטע כלי,
ס'האָט קיין לעבען, קיין געפילען,
קומט די שעה, דאָ מוז ער שלאָגען
אָן זיין רצון, אָן זיין ווילען...

. . . . . . . . . . .

מאַי קא משמע לן מיין לעבען?
וואָס־זשע לאָזט עס מיר צו הערען?
פוילען, וועלקען אין דער יוגענט,
פאַר דער צייט פאַרעלטערט ווערען.
עסען טעג שלינגען טרערען,
שלאָפען אויפ'ן פויסט דעם האַרטען,
טויטען דאָ די „עולם-הזה"
און אויף „עולם־הבא" וואַרטען...

## אין חדר.

קום אַהער, יונגעלע, נענטער צו מיר
און טו אַ קוק אין די קליינע אותיות'לעך,
טייערע אותיו'לעך, גאָלדע אותיו'לעך,
גיכער, גיכער, קום אַהער!
האָב קיין מורא בישט, שרעק זיך בישט.
אָט אַזוי, זעץ זיך אַוועק און הער אויס מיט קאָפּ,
זעץ זיך! אָט אַזוי הער זיך צו:
קמץ אַלף אָ, קמץ בית—באָ, קמץ גימל—גאָ, קמץ דלת—דאָ,
פּתח אַלף—אַ, פּתח בית—באַ, פּתח גימעל—גאַ, פּתח דלד—דאַ.
אָט אַזוי, יונגעלע, אָט אַזוי דאַרף מען לערנען,
יונגעלע, אַ וויי, טייער יונגעלע,

טו אָ קוק אין סידור און זאָג נאָך אַמאָל
קמץ אַלף—אָ, קמץ בית—בּאָ, העכער!
שטאַרקער! אָ, בּאָ, אָט אַזוי דאַרף מען לערנען, יונגעלע,
אָ, בּאָ, גאָ, דאָ, העכער. שטאַרקער!
אָט אַזוי דאַרף מען לערנען, יונגעלע: „אָ, בּאָ, גאָ,
אָט אַזוי, פרייליכער, לעבּעדיגער, גענאַרגיק,
אָט אַזוי, יונגעלע, דאַרף מען לערנען תורה,
תורה איז די בעסטע סחורה.
וואָלסט געווען אַ טייער יונגעלע, זאָלסט נישט זיין אַ גענאַרניק,
אַי, ביסטו אַ גענאַרניק יונגעלע.
גענוג שוין, פאַרמאַך דעם סידור, ביסט פריי!
געדענק מיין קינד, אַ ייד דאַרף לערנען תורה,
אַזוי זאָגט אונז דער הייליגער בורא.
אַז מען וועט דיך פרעגען, וואָס האָסטו געטון אין חדר?
זאָלסטו זאָגען: האָסט געלערנט תורה,
געדענק, תורה, נאָך אַמאָל—תורה, תורה, תורה, תורה.

## שטערענדעל.

שטערענדעל, שטערענדעל,
גליער שטאַפּעטעלע,
זיי מיר אַ שליח׳ל,
פאַל אין מיין שטעטעלע. ביס

זעהן וועסטו אַ געסעלע,
נאָכדעם אַ גריבעלע,
דאָרטנע געפינט זיך
מיין חרוב׳ע שטיבעלע. ביס

עלענד, אַליין, ביי דער
פינסטערער שייבעלע,
זיצט דאָרט פאַרטרויערט
און דאגה׳ט מיין ווייבעלע. ביס
שטערענדעל א. צ. וו.

טרייסט איר, דו שטערענדעל,
לייכט איר אין שטוב אריין.
זאָג איר, דער אויבערשטער
וועט זיך מרחם זיין. ביס

פרעג: וואָס מאַכט יענקעלע,
לאה׳צע און רבקה׳לע?
זאָג זיי: איך ווין און
איך קוש זייער בריוועלע. ביס
שטערענדעל א. צ. וו.

זאָג זיי, אַז יענקעלען
זאָל מען נישט זשאַלעווען,
געבען אין חדר,
גענוג אים צו באַלעווען. ביס

זאָל ער זיך אויסלערנען
קדיש ווי ס'דאַרף צו זיין,
אפשר... מען ווייס נישט...
נאָר גאָט וועט זיך מרחם זיין! ביס
שטערענדעל א. אָ. ו.

## 80 ער און 70 זי.

ס'איז היינט אַקוראַט געוואָרען פופציג יאָר,
אַז זיי לעבען אינאיינעם—דאָס אַלטע פּאָר:
זיי האָבען זיך געעלטערט—קוקט אייך צו —
אַכציג ער און זיבציג זי.
כאָטש דער זיידע מיט דער באָבע זענען קורץ און קליין,
נאָר דער זיידע מיט דער באָבע זענען מלא חן.
ער מיט'ן שפּיצעדיגען בערדעלע, מיט'ן גוידערעל—זי —
אַכציג ער און זיבציג זי.
גאָט האָט זיי מיט עושר און כבוד באַגליקט,
אין לעבען האָבען זיי זיך קיינמאָל נישט געקריגט.
נאָר "נאָטעלע", נאָר „באָבעלע" רופען זיי זיך צו—
אַכציג ער און זיבציג זי.
זיי זענען ביידע היינט געגאַנגען אין שול
און האָבען דאָרט געדאַווענט טאַקי פיל;
גאָט האָט זיי געהאָלפען — ברוך הוא. —
אַכציג ער און זיבעציג זי.
פון דער שול זענען אַהיים געגאַנגען גלייך
אויפ'ן טיש איז שוין געשטאַנען לעקעך אַ סך;
און די אייניקלעך האָבען געוואַרט שוין פון אין דער פריה, —
אַכציג ער און זיבעציג זי.
דער זיידע האָט זיך געוואַשען פון דער זילבערנער טאַץ,
אויפגעגאָסען האָט דאָס אייניקעל—איך זאָג אייך אַ שאַץ:
יענטעלע די שוואַרצע-חנ'עוודיגע אָט אָ די—
אַכציג ער און זיבעציג זי.
דער עולם האָט זיך קיין עין-הרע געזעצט צום טיש,

און אַז מען האָט גאָר אויפגעגעבן די פייערדיגע פּי״
האָט אַ דרשה געזאָגט רבי הערשעלע צבי—
אַכציג ער און זיבעציג זי.
ווי דער זיידע איז געווען תּמיד אַ פֿרומער ייִד,
ייִדען טאָן גוטס איז ער קיינמאָל נישט מיד:
דערפֿאַר העלפֿט אים גאָט אי שפּעט אי פרי—
אַכציג ער און זיבעציג זי.
און ווי די באָבע איז געווען אַ ווייבעלע מלא־חן,
דאָס צירונג פּאַסט איר נאָך איצטער, זאָגט אַליין!
די באָבע האָט געטאָן אַ שמייכעל דערצו—
אַכציג ער און זיבעציג זי.
דער עולם האָט גענומען צו ביסלעך ווייַן,
און דעם זיידען מיט דער באָבע איז ראָד אַרייַן;
די אייניקלעך האָבן געפּליעסקעט צו—
אַכציג ער און זיבעציג זי.
מען האָט געזען דער עולם זאָל זיין נישט פרי צוגיין,
דער פעטער לייבוש האָט זיך געלאָזט אַ קאָזאַק אַליין;
די מומע סאָסי איז געגאַנגען אַקעגען אויף איין קני—
אַכציג ער און זיבעציג זי.
אַזוי האָבן זיי געהוליעט ביז האַלבער נאַכט...
— „באָבעלע, זאָגט דער זיידע, אַ גוטע נאַכט!״
שלאָף מיר געזונט און דעק זיך גוט צו —
אַכציג ער און זיבעציג זי.
דער זיידע איז געווען שוין זעהר אַלט,
איז ער אַנטשלאָפֿן געוואָרען באַלד...
די באָבע האָט נישט געקענט מאַכען די אויגען צו —
אַכציג ער און זיבעציג זי.
זי האָט זיך דערמאָנט אַז אָ דאָ ליגענדיג אין בעט,
ווי מען איר „נאָטען״ פאַר אַ חתן גערעדט...
אַ מופלג איז ער געווען און שיין דערצו—
אַכציג ער און זיבעציג זי.
די באָבע האָט אָנגעהויבען צו דרעמלען מיטאַמאָל,

איר חלום וועל איך אייך דערציילען אַן אַנדערש מאָל;
לאָמיר זיי ביידען לאָזען צורו —
אַכציג ער און זיבעציג זי...

## דער פילאָזאָף.

קום אַהער, דו פילאָזאָף,
מיט דיין קעצישען מח׳ל
קום אַהער צום רבי׳נס טיש
און לערן זיך דאָ שכל.
בים באַ באַם א. אַ. וו.

אַ דאַמפ-שיף האָסטו אויסגעטראַכט
און נעמסט דערמיט זיך איבער:
דער רבי שפרייט זיין טיכעל אויס
און גייט דעם ים אַריבער.
בים באַ באַם א. אַ. וו.

אַן אייזען-באַן האָסטו אויסגעקלערט
און מיינסט דו ביסט אַ חרוץ:
דער רבי שפּעט, דער רבי לאַכט,
ער דאַרף דאָס אויף כפרות.
בים באַ באַם א. אַ. וו.

צי ווייסטו דען, וואָס דער רבי טוט
בעת ער זיצט ביחידות?—
אין איין מינוט ער אין הימעל פליט
און פּראַוועט דאָרט שלוש סעודות.
בים באַ באַם א. אַ. וו.

## דאָס קינד ליגט אין וויעגעלע.

דאָס קינד ליגט אין וויעגעלע מיט אויסגעווייַנטע אויגען,
די מאַמע ליגט אויף דער ערד, די פיס אויסגעצויגען:
נישטאָ קיין מאַמע, נישטאָ קיין נחמה!
דאָס קינד ליגט אין וויעגעלע און חלש׳ט זויגען:
די מאַמע ליגט אין קבר מיט שאַרבענס אויף די אויגען
נישטאָ קיין מאַמע, נישטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך מיין קינד, גלעטען און קאַמען,
ווער וועט דיך מיין קינד, דאָס וויגעלע אויפּראַמען?
ניישטאָ קיין מאַמע, נישטאָ קיין נחמה!
ווער וועט דיך מיין קינד, פוצען און גלעטען,
ווער וועט דיך מיין קינד, דאָס וויגעלע אויסבעטען?
נישטאָ קיין מאַמע, נישטאָ קיין נחמה!
ווער וועט דיך מיין קינד פוצען און צירען?
ווער וועט דיך מיין קינד. אין חדר אַוועקפירען?
נישטאָ קיין מאַמע, נישטאָ קיין נחמה!
ווער וועט דיך מיין קינד, מאַכען פאַר אַ מענשען,
און ווער וועט דיך מיין קינד, אונטער דער חופּה בענשען?
נישטאָ קיין מאַמע, נישטאָ קיין נחמה!

## וואָס וועט זיין, אז משיח וועט קומען ?

—זאָג-זשע, רבי׳ניו!
וואָס וועט זיין, אז משיח וועט קומען?
—אַז משיח וועט קומען. וועלען מיר מאַכען אַ סעודה׳ניו.
—וואָס וועלען מיר עסען אויף דער סעודה׳ניו?
—דעם שור הבר מיט׳ן לויתן, דעם שור הבר מיט׳ן לויתן—
דעם שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען
אויף דער סעודה׳ניו!
—וואָס וועלען מיר טרונקען אויף דער סעודה׳ניו?
—דעם יין המשומר, דעם יין המשומר,
דעם יין המשומר וועלען מיר טרינקען—
דעם שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען
אויף דער סעודה׳ניו!
—ווער וועט אונז תורה זאָגען אויף דער סעודה׳ניו?
—משה, רבינו משה רבינו,
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגען
דעם יין המשומר וועלען מיר טרונקען,
דעם שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען
אויף דער סעודה׳ניו!

—ווער וועט אונז שפּילען אויף דער סעודה׳ניו?
—דוד המלך, דוד המלך—
דוד המלך וועט אונז שפּילען.
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגען,
דעם יין המשומר וועלען מיר טרונקען!
דעם שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען
אויף דער סעודה׳ניו!
—ווער וועט אונז חכמה זאָגען אויף דער סעודה׳ניו?
—שלמה המלך, שלמה המלך—
שלמה המלך וועט אונז חכמה זאָגען,
דוד המלך וועט אונז שפּילען,
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגען,
דעם יין המשומר וועלען מיר טרינקען,
דער שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען
אויף דער סעודה׳ניו!
—ווער וועט אונז טאַנצען אויף דער סעודה׳ניו?
—מרים הנביאה, מרים הנביאה—
מרים הנביאה וועט אונז טאַנצען,
שלמה המלך וועט אונז חכמה זאָגען,
דוד המלך וועט אונז שפּילען.
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגען
דעם יין המשומר וועלען מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען
אויף דער סעודה׳ניו!

## טייער יאַנקעלע:

ווער ס׳האָט נאָר געקענט, מיין יאַנקעלע דעם געוויסען,
טייער יאַנקעלע!
אין מיטען העלען טאָג אַ שלעסעלע געריסען,
טייער יאַנקעלע!
ווי ווער ס׳האָט אים געכאַפּט, האָט דאָך אים געקלאַפּט
טייער יאַנקעלע!

קלעפּ מיט די קולאַקעס האָט ער אויסגעכאַפּט.
טייער יאַנקעלע!

—ווער ס'האָט נאָר געקענט, מיין יאַנקעלע דעם געוויסען,
טייער יאַנקעלע!
אוי ער פלעגט דאָך געהן אויף חתונות און ברית'ן,
טייער יאַנקעלע!
אוי, ווער ס'האָט אים געכאַפּט א. אַ. וו.

## זאָל איך ווערען אַ רב

זאָל איך ווערען אַ רב, קען איך נישט קיין תורה!
זאָל איך זיין אַ סוחר, האָב איך נישט קיין סחורה.
און קיין היי האָב איך נישט, און קיין האָבער האָב איך נישט
און דאָס ווייב שילט זיך, אַ טרונק בראָנפען ווילט זיך.
זע איך מיר אַ שטיין, זיץ איך מיר און וויין.
וויל איך זיין אַ שוחט, האָב איך נישט קיין חלף,
וויל איך זיין אַ מלמד! קען איך נישט קיין אַלף.
און די פערד גייען נישט, און די רעדער דרייען נישט.
און דאָס ווייב שילט זיך, א טרונק בראָנפען ווילט זיך.
זע איך מיר אַ שטיין, זיץ איך מיר און וויין.
זאָל איך ווערען אַ קאָוואַל, האָב איך נישט קיין קאָוואַדלע.
זאָל איך זיין אַ שענקער, איז מיין ווייב אַ פּאַדלע.
און קיין היי האָב איך נישט, און קיין האָבער קויף איך נישט
און דאָס ווייב שילט זיך, אַ טרונק בראָנפען ווילט זיך.
זע, איך מיר אַ שטיין, זיץ איך מיר און וויין.

## פאָרט דער חסיד'ל צו דעם רבי'ן:

פאָרט דער חסיד'ל צו דעם רבי'ן
האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שלאַגס-רעגען,
מאַכט דער חסיד'ל: בים באַם! (בּיס)
ווי דער שלאַגס-רעגען האָט אים אָנגענומען,
איז ער אין קריעַשמע אַריינגעקומען.
מאַכט דער חסיד'ל: בים באַם! (בּיס)

ווי ער האָט גענומען אַ גלעזעל בראָנפען טרינקען,
האָט ער גענומען צום מיידעל ווינקען.
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)
„מיידעלע מיידעלע, ביזט מיר זעהר געפעלען,
איך וועל דיר שענקען אַ שנירעל קרעלען״!
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)
דעם שנירעל קרעלען האָט זי צוגענומען
און אים האָט זי געהייסען, שפּעטער קומען.
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)
„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זעהר גוט,
איך וועל דיר שענקען אַ שיינעם הוט״!
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)
דעם שיינעם הוט האָט זי צוגענומען,
און אים האָט זי געהייסען, שפּעטער קומען.
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)
„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זעהר שיין,
איך וועל דיר שענקען אַ גאָלדענע קרוין״!
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)
די גאָלדענע קרוין האָט זי צוגענומען,
און אים האָט זי געהייסען, שפּעטער קומען.
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)
„מיידעלע, מיידעלע, גיב אָפּ מיינע זאַכען!
—פון אַזאַ חסיד׳ל מעג מען לאַכען״!
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)
איז ער אַוועק, אָן וועג און שטעג,
ווי אַ הונט אין די ביין טעג.
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם!
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם!

## אַ גוטער נ׳אָווענט ברייגע

אַ גוטער נ׳אָווענט ברייגע,
די בעסטע שכנה מיינע.

דאָס האַרץ ווערט אין מיר פאַרברענט,
זינט איך האָב דעם מערדער דערקענט.
פּיעטרישקע האָב איך נאַ־געסען קויפען
פלייש האָט מיר מיין מאַמעלע געבראַכט
די יויך וועט דאָרט אויסלויפען —
האָט זשע מיר אַ גוטינקע נאַכט,
אוי וויי ברײנע א. אַ. וו.

נעכטען האָט ער מיך געשלאָגען
ברוין און בלאָ האָט ער מיך געמאַכט.
ס׳איז אַפּילו אַ בזיון אויסצוזאָגען —
האָט זשע מיר אַ גוטינקע נאַכט.
אוי וויי ברײנע א. אַ. וו.

כ׳וואָלט זיך מיט איהם אַודאי גט׳ן,
דאָס קינד וואָלט איך אים איבער־געלאָזט
בין איך אָבער שרעקליך עלענט.
כאָטש גיי און לייג זיך אין גאַס.
אוי וויי ברײנע א. אַ. וו.

## אַ מאָל איז געווען אַ מעשׂה

אַ מאָל איז געווען אַ מעשׂה,
די מעשׂה איז גאָר נישט פריילעך
די מעשׂה הויבט זיך אָנ׳עט
מיט אַ יודישען מלך.
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד.
כ׳האָב אָנגעוואוירען אַזאַ ליבע,
וויי איז מיר און ווינד!
אַמאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ מלכּה,
די מלכּה האָט געהאַט אַ וויינגאָרטען,
ליולינקע, מיין קינד.
ליולינקע, מיין פייגעלע, א. אַ. וו.

אין וויינגאָרטען איז געווען אַ בוימעלע,
דאָס בוימעלע האָט געהאַט אַ צווייגעלע!
אויפ׳ן צווייגעלע איז געווען אַ נעסטעלע,
אין נעסטעלע האָט געלעבט אַ פייגעלע.
ליולינקע, מיין פייגעלע, א. אַ. וג.
דער מלך איז אָפגעשטאָרבען,
די מלכה איז געוואָרען פאַרדאָרבען,
דאָס צווייגעלע איז אָפגעבראָכען,
דאָס פייגעלע פון נעסט אַנטלאָפען.
ליולינקע, מיין פייגעלע, א. אַ. וג.
וואו נעמט מען אַזא לייטער,
לאַנג פון טויזענט איילען,
וואו נעמט מען אַזאַ חכם,
ער זאָל קענען די שטערען ציילען.
ליולינקע, מיין פייגעלע, א. אַ. וג.
וואו נעמט מען אַזאַ חכם,
ער זאָל קענען מיינע וואונדען ציילען,
וואו נעמט מען אַזאַ דאָקטאָר,
ער זאָל קענען מיין האַרץ היילען.
ליולינקע, מיין פייגעלע! א. אַ. וג.

## יאָמע, יאָמע.

יאָמע, יאָמע, שפיל מיר אַ לידעלע!
וואָס דאָס מיידעלע וויל—
דאָס מיידעלע וויל אַ פאָר שיכעלעך האָבען,
מוז מען גיין דעם שוסטער זאָגען...
— ניין, מאַמעשי, ניין!
דו קענסט מיר נישט פאַרשטיין,
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין.
יאָמע, יאָמע, שפיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ קליידעלע האָבען,

מוז מען גיין דער שנײדערין זאָגען...
—ניין, מאַמעשי... אא״ו.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מײדעלע וויל—
דאָס מײדעלע וויל אַ היטעלע האָבען,
מוז מען גיין דער פּוצערקע זאָגען...
—ניין, מאַמעשי... אא״וו.

יאָמע, יאָמע שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מײדעלע וויל—
דאָס מײדעלע וויל אַ פּאָר אוירינגלעך האָבען,
מוז מען גיין דעם גאָלדשמיד זאָגען...
—ניין, מאַמעשי... אא״וו.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מײדעלע וויל—
דאָס מײדעלע וויל אַ חתנ׳דעל האָבען,
מוז מען גיין דעם שדכן זאָגען...
—יאָ, מאַמעשי. יאָ,
דו קאָנסט מיך שוין פאַרשטיין,
דו ווייסט שוין וואָס איך מיין!

## אין ווילדען וואַלד אַליין.

וואָס טוט דאָס מײדעל אין וואַלד אַליין?—אַזוי זאָגט ער.
וואָס טוט דאָס מײדעל אין וואַלד אַליין.
און ווער דאָרט איז און וואָס דאָרט איז?
אין ווילדען וואַלד אַליין, אין ווילדען וואַלד אַליין.

איך בין געקומען רויזען קלויבען—אַזוי זאָגט זי.
איך בין געקומען רויזען קלויבען.
זאָל דער הער מיט מיר פאַרבלייבען,
אין ווילדען וואַלד אַליין. (בּיס)

איך קאָן דאָס פאַר מיין פערד נישט טאָן—אַזוי זאָגט ער.
איך קאָן דאָס פאַר מיין פערד נישט טאָן.
און ווער דאָרט איז א. אַ. וו.

לאָז דיין פערד לויפען—אַזוי זאָגט זי.
לאָז דיין פערד לויפען, וועסט אַן אַנדער קויפען,
אין ווילדען וואַלד אַליין. (ביס)

איך קאָן דאָס פאַר מיין הונט נישט טאָן—אַזוי זאָגט ער.
איך קאָן דאָס פאַר מיין הונט נישט טאָן,
און ווער דאָרט איז א. אַ. וו.

לאָז דיין הונט בילען—אַזוי זאָגט זי.
לאָז דיין הונט בילען, מיר וועלען ביידע שפּילען,
אין ווילדען וואַלד אַליין. (ביס)

אָ, דו מיידעל, דו ביסט בלינד—אַזוי זאָגט ער.
אָ, דו מיידעל, דו ביסט בלינד,
—איך דיין פאָטער, דו, מיין קינד,
אין ווילדען וואַלד אַליין. (ביס)

## לייג איך מיר מיין קעפּעלע.

לייג איך מיר מיין קעפּעלע, אויף מיין מאַמעס בעטעלע,
גייט מיין מאַמע פאַרביי, נאָכאַנאַנד זי טוט און קוועלט:
שלאָף, מיין טעכטער׳ל הארצינקע,
אויגעלעך האָסטו שוואַרצינקע,
שלאָף געזונטערהייד, שלאָף געזונטערהייד.
לייג איך מיר מיין קעפּעלע אויף מיין טאַטענ׳ס בעטעלע
גייט מיין טאַטע פאַרביי; נאָכאַנאַנד ער טוט און קוועלט:
שלאָף, מיין טעכטער׳ל פיינינקע,
ביסט דאָך גאָר אַ שייניקע,
שלאָף געזונטערהייד, שלאָף געזונטערהייד.
לייג איך מיר מיין קעפּעלע אויף מיין שוויגערס בעטעלע,
גייט מיין שוויגער פאַרביי, נאָכאַנאַנד זי טוט און שעלט:
מיין שנור איז קיין בריה נישט.
קיין מלאכה טוט זי נישט.
נאָכאַנאַנד זי טוט און שלאָפט,
נאָכאַנאַנד זי טוט און עסט.

ליג איך מיין קעפעלע אויף מיין מאַנס בעטעלע,
גייט מיין מאַן פאַרביי, באַכאַנאַנד ער טוט און קוועלט:
שלאָף, מיין ווייבעלע קליינינקע,
ציינדעלעך האָסטו שיינינקע —
שלאָף געזונטערהייד, שלאָף געזונטערהייד.

## אוי אברהם!

אוי, אַבראַם איך קען אָן דיר נישט זיין,
איך אָן דיר און דו אָן מיר קענען מיר ביידע נישט זיין,
געדענקסטו, געדענקסטו ביים טויער,
האָסטו מיר געזאָגט אַ סוד אין אויער:
אוי, ווי, רבקה׳ניו גיב זשע מיר דאָס פּיסקעניו.

אוי, אַבראַם, איך קען אָן דיר נישט זיין,
איך אָן דיר און דו אָן מיר איז ווי אַ קלאַמקע אָן אַ טיר,
געדענקסטו, געדענקסטו אויף דעם בולוואַר,
איך דער קלוגער און דו דער נאַר:
אוי ווי, רבקה׳ניו, גיב זשע מיר דאָס פּיסקעניו!

אוי, אַבראַם, איך קען אָן דיר נישט זיין,
איך אָן דיר און דו אָן מיר קענען מיר ביידע נישט זיין:
געדענקסטו! געדענקסטו דאָס רויטע קליידעל,
אוי! בין איך געווען אַ שיין מיידעל
אוי ווי רבקה׳ניו, גיב זשע מיר דאָס פּיסקעניו.

## די מאַמע האָט מיך געשיקט.

די מאַמע האָט מיך געשיקט קויפן אַ יאַשטשיק:
האָט זיך אין מיר פאַרליבט, אַ בחור אַ פּריקאַזשטשיק.
אוי איז דאָס אַ בחור׳ל אַ שיינס און אַ פיינס
מיר פאַר זיינע בייגדעלעך,
קעצעלע דו מיינס!

די מאַמע האָט מיך געשיקט קויפן אַ הון;
האָט זיך אין מיר פאַרליבט דעם שוחטס אַ זון.

אוי איז דאָס אַ שוחט׳ל. אַ שיינס און אַ פיינס!
מיר פאַר זיינע ציינדעלעך, קעצעלע דו מיינס!

די מאַמע האָט מיך געשיקט פרעגען אַ שאלה:
האָט זיך אין מיר פאַרליבט דער רב אויף אַ ווײלע.
אוי איז דאָס אַ רב׳לע, אַ שיינס און אַ פיינס;
מיר פאַר זיין שפּיץ יאַרמעלקעלע, קעצעלע דו מיינס!...

## 1) אלף—אנ׳אָדלער.

אַלף—אַנ׳אָדלער, בית—אַ בוים, גימל—אַ גלח.
אַנ׳אָדלער טוט הויך פליהען,
אַ בוים טוט זומער בליהען,
און אַ גלח טוט זיך צו דער עבודה־זרה קניהען.

דלת—אַ דאָקטאָר, הי—אַ הימעל, ואו—אַ ווײנער.
אַ דאָקטאָר טוט רפואות ניצען,
אַ הימעל טוט זומער דונערען און בליצען
און אַ ווײנער טוט ביים האַרנע זיצען.

זין—אַ זעלנער, חית—אַ חזן, טית—אַ טייך,
אַ זעלנער טוט הויך שיסען!
אַ חזן טוט זיך ביים עמוד מיט טרעהרען בעגיסען
און אַ טייך טוט לויפען און פליסען.

יוד—אַ יאַטקע; כף—אַ קרעמער—למד—לאָפּאַטע.
אין אַ יאַטקע טוט מען אַלערליי פלייש האַקען,
אַ קרעמער טוט זיין סחורה פּאַקען,
און מיט אַ לאָפּאַטע טוט מען ברויט באַקען.

מם—אַ מיידעל! נון—אַ נאָז סמך—אַ סרייבער.
אַ מיידעל טוט זיך פוצען און צירען,
אַ נאָז טוט ווינטער פרירען
און אַ שרייבער טוט מיט דער פען אויפ׳ן פּאַפּיר פיהרען.

עין—אַנ׳עקדיש, פּי—אַ פּריץ, צדיק—צימבלער.
אַנ׳עקדיש איז אַ גרויסעס פּראַנץ!
אַ פּריץ לעבט אין פּראַכט און גלאַנץ
און אַ צימבלער טוט צושפּילען אַ שעהנעם טאַנץ.

קוף—אַ קיטקע, ריש—אַ רביצין! שין—אַ שדכן.
אַ קיטקע טוט מען באַקען אויף אייער,
אַ רביצין טראָגט אַ ווייסען שלייער
און אַ שדכן איז אַ קרוטשעלע אַ דרייער.
תיו—אַ טאַטער,
אין הימעל האָבען מיר אַ פאָטער,
אַז משיח וועט קומען וועלען מיר פון אַלע צרות ווערען פטור.

## 2) אלף—אַנ׳אָדלער

אלף—אַנ׳אָדלער טוט אונטער׳ן הימעל פליהען,
בית—אַ בּאַרענבּוים טוט אַלע זומער בּליהען!
גימל—אַ גלח טוט זיך צו דער עבודה־זרה קניהען,
דלת—אַ דאקטאָר טוט געבּען אויף שוויצען:
הי—אַ הימל טוט אַלע זומער דונערען און בּליצען,
ואו—אַ ווייגער טוט אויף די פעסלאַך וויין זיצען,
זין—אַ זעלנער טוט אין דער מלחמה שיסען,
חית—אַ חזן טוט זיך בּיים דאַווענען די טרעהרען בּעגיסען,
טית—אַ טייך טוט ליפען און פליסען.
יוד—אַ יאַטקע־קלאָץ, מען טוט אויף איהם פליישׁ האַקען
כף—אַ כּלה! טוט מען פאַך איהר, לעקעך בּאַקען,
למד—אַ לעבּער טוט מען בּראָטען און האַקען,
מם—אַ מיידעל טוט זיך פוצען און צירען,
נון—אַ נאָז טוט אַלע ווינטער אָבּפרירען,
סמך—אַ סאָד טוט מען אין איהם אַלע זומער געהן שפּאַצירען.
עין—אַנ׳עקדיש טוט אין די פיס בּייסען,
פי—אַ פויער, וואָס דער פריץ טוט איהם שמייסען,
צדיק—אַ צאָהן טוט דעם דאָקטאָר אַרויסרייסען.
קוף—אַ קאָכלעפעל טוט דעם טאָפ אויסמישען,
ריש—אַ רב וואָס טוט אַלע דינים וויסען,
שין—אַ שייגעץ טוט פון קיין אלף נישט וויסען.
תיו—אַ ת(ט)אָטער אין הימעל האָבּען מיר אַ פאָטער.
ווען וועלען מיר שוין ווערען פון גלות פטור.

## מײַן נישט

מײַן נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע—בעשאַפען
מאַכען אַ וועג זיך מיט פויסטען און נעגיל
צום שענק-פּאַס? און פרעסען און זויפען, ווען אַנדערע
קוקען פון ווייטען מיט גלעזערנע אויגען,
פערהלשט און שלינגען דאָס שפּייעכץ און ציהען
צוזאַמען דעם מאָגען. וואָס וואַרפט זיך אין קרעמפּפען—
אָ, מײַן נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע!

מײַן נישט די וועלט איז אַ בערזע—בעשאַפען
דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,
זאָל קויפען בײַ די אָרימע מיידלעך די בושה
בײַ פרויען די מילך פון די ברוסטען, בײַ מענער
דעם מאַרך פון די ביינער, בײַ קינדער דעם שמייכעל,
דעם זעלטענעם גייסט אויפ׳ן וואַקסענעם פּנים——
אָ, מײַן נישט די וועלט איז אַ בערזע!

מײַן נישט, די וועלט איז אַ הפקר —בעשאַפען
פאַר וועלף און פאַר פוקסען פאַר רויב און פאַר שווינדעל,
דער הימעל—אַ פאָרהאַנג, אַז גאָט זאָל נישט זעהען:
דעם נעבעל—מען זאָל אויף די הענד דיר נישט קוקען,
די ערד—איינצוזאַפּען דאָס בלוט פון קרבנות—
אָ, מײַן נישט די וועלט איז אַ הפקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע? קיין בערזע קיין הפקר!
געמאָסטען ווערט אַלעס, געוואויגען ווערט אַלעס!
קיין טרעהר אין קיין בלוטיגע טראָפּען פערגעהן,
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג נישט פערלאָשען
פון טרעהרען ווערט טייכען, פון טייכען ווערט ימים,
פון ימים—אַ מבול; פון פונקען—אַ דונער—
אָ, מײַן נישט, לית דין ולית דין!...

## וואו ביזטו געווען?

וואו ביזטו געווען, אַז געלד איז געווען

און דער נדן איז געלעגען אויפ׳ן טיש?
היינט ביזטו דאָ, אַז מיין געלד איז נישטאָ
און דאָס לעבען איז געוואָרען אַזוי מיאוס
טראַ לאַ לאַ.

וואו ביזטו געווען, אַז יוגענד איז געווען
און דאָס לעבען איז געווען צוקער־זיס?
היינט ביזטו דאָ, אַז די האָר זענען גראָה
און דאָס לעבען איז געוואָרען אַזוי מיאוס.
טראַ לאַ לאַ.

וואו ביזטו זעווען, אַז יוגעגד איז געווען,
דאָס הארץ האָט מיט ליבע געברענט?
היינט ביזטו דאָ, אַז דער קאָפּ איז שוין גראָ
און עס ציטערען ביי מיר שוין די הענד.
טראַ לאַ לאַ.

## אומעטיג...

אומעטיג, קינד מיינס, צו לעבען אַליין—
קענסט אפשר קומען צו מיר!
מיין צימער איז אָרים, מיין צימער איז קליין
האָט אַ בעזונדערע טיר,
האָט אַ בעזונדערע טיר—
נאָך קיינער, אוי, קלאַפּט נישט אין איר...

אומעטיג, לעבען מיינס, אומעטיג שווער!
און ווי נאָר דער אָווענד עס קומט,
זיץ איך די אויגען צום טיר און איך הער:
דער ווינט אַזוי טרויעריג ברומט—
דער ווינט אַזוי טרויעריג ברומט—
און ס׳דאַכט מיר, אַז עמיצער קומט..

## ער זעצט זיך אַנידער.

ער זעצט זיך אַנידער צו איר אויפ׳ן בעט,

ער גיט איהר אַ קוש ער גיט איהר אַ גלעט;
ער זאָגט איהר: דבורה־לעבען. דו ביזט דאָך מיין,
שווערען, שווער איך דיר ביי דיין לעבען, ס׳וועט דיר גאָרניש זיין.
אַלע מיידעלאך וועלען צוקערלאך נאַשען
און איך וועל מוזען ווינדעלאך וואַשען;
אוי וועה, מאַמעליו, וועה איז מיר און ווינד!
וואָס וועל איך טון, אַז איך וועל האָבען אַ קליין קינד?

## אוי, וועה, טאָכטער, ס׳איז שוין צען אַ זייגער

אוי, וועה, טאָכטער! ס׳איז שוין צען אַ זייגער, (ביס)
ס׳איז שוין צען אַ זייגער,
געה אין שטוב אריין און זאָל זיך דיר אויסווייזען:
דו ביזט מיט אים געגאַן...

—אוי, וועה, מאַמע, סע׳ברענט אין מיר אַ פייער,
דעם וואָס איך האָב אמת ליב. אוי, דער איז ביי מיר טייער;
אוי, דעם וואָס איך האָב אמת ליב, אוי, דעם ווער איך אָן;
אוי דעם וואָס איך האָב אמת פייגט, צו דעם, אוי, קום איך אָן.

## פישעלעך קויפען.

בין איך מיר געגאַנגען פישעלעך קויפען,
האָב איך מיר געקויפט אַ העכט;
און ווער עס איז שולדיג אין אונזער ליבע,
דער זאָל אויסגיין ווי אַ לעכט! (צוזינג)

אָן קיין שטיינער, אָן קיין ציגעל
קאָן מען קיין הויז נישט מויערן!
עס איז נישט פערהאַן קיין מענש אויף דער וועלט,
ווער עס זאָל מיך נישט באַדויערן. (צוזינג)

## רבונו של עולם כ׳האָב צו דיר א טענה

(אַ ליד פון אַ קינדערלאָזען)

רבונו של עולם! כ׳האָב צו דיר אַ טענה,

נאָר ס׳זאָל דיך חלילה נישט פאַרדריסען;
פאַרגעם מיין געבעט די טרעהרען מיינע,
זאָלסט מיר אָן קינדער אין קבר נישט פאַרשליסען
שטאַרבען וועלען מיר ווי די שטיינער,
די וועלט וועט מיט אונז קליינגען;
ירש׳נען וועט אונז נישט קיינער,
קדישים וועלען מיר מוזען דינגען.
פינסטער און ביטער איז מיר מיין וועלט.
עס ציטערט אין מיר יעדער אבר.
וואָס קומט מיר אַרויס מיין פיל געלד
צי וועל איך דאָס מיטנעמען אין קבר.
איך בין אויסגעפאָרען די גאַנצע וועלט,
איך בין אויסגעווען ביי אַלע גוטע אידען
כ׳האָב נישט געקאַרגט קיין געזונד, קיינגעלד
צי קאָן איך דען אַזוי זיין צופרידען.

## ווען איך מיר אויפ׳ן בענקעל:

זיץ איך מיר אויפ׳ן בענקעלע
און פערפלעכט מיר מיינע צעפעלאך!
געהט פאַרביי אזי א שניידער־יונג
און זאָגט, אַז איך בין נישט ערלאך.
ער זאָגט, אַז ס׳איז טינט,
איך זאָג, אַז ס׳איז פּענעס;
ער זאָגט! אַז ער האָט מיך ליב
און איך זאָג, אַז ס׳איז נישט אמת?
זיץ איך מיר אויפ׳ן פענסטער׳ל
און פערקאם אויף מיינע הערעלאך;
געהט פאַרביי: אזי אַ שוסטער־יונג
און זאָגט, אַז איך בין נישט ערלאך.
ער זאָגט, אַז ס׳איז אַש
און איך זאָג, אַז ס׳איז קוילען,
ער זאָגט: אַז ער וועט מיך נעמען
און איך זאָג, ער וועט נישט פועל׳ן...

## ביזטו מיט מיר ברוגז.

ביזטו מיט מיר ברוגז ווייס איך נישט פאַרוואָס;
געהסט אַ גאַנצען טאָג אַרום אַראָבגעלאָזט די נאָז.
טאַ דאַ ראַ...
אפשר ווילסטו וויסען צו איך האָב דיך ליב;
לאָמיר ביידע אַריבערפאָרען צו דעם גוטען איד.
טאַ דאַ ראַ...
צו אַ גוטען אידען אַ פדיון אים אָפּגעבען;
זאָל ער פאַר אונז גאָט בעטען אויף אַ גוט לעבען.
טאַ דאַ ראַ...
אוי דער גוטער יוד, ער וועט דאָך אונז בענשען
אַז מיר זאָלען ביידע פון היינט אָן ווייטער זיין מענשען.
טאַ דאַ ראַ...
און אַז מיר וועלען פאָרען צוריק פון גוטען איד
וועלען מיר ביידע אַריבערפאָרען אין זעלווע אויפ'ן יאַריד.
טאַ דאַ ראַ...
דאָרט וועל איך דיר קויפען אַ זייגער און אַ קייט
און אַ גרויס שעהן שטיק זיידענס אויף אַ קלייד.
טאַ דאַ ראַ...
טאָ זיי זשע מער נישט ברוגז און גרייט אויף גיך צום טיש
און זעץ זיך מיט מיר עסען באַקומסטו פון מיר אַ קוש.
טאַ דאַ ראַ...

## אלף—איינגעמאכץ עסט דער נגיד

אַלף—איינדיקעס עסט דער נגיד.
בית—בייגדעלעך גריזשעט דער אָרימאַן.
גימל—גענזעלאַך עסט דער נגיד.
דלת—דעם דלית האָט דער אָרימאַן.
הי—הינדעלאַך געפּרעגעלטע עסט דער נגיד.
ואו—וועהטאָגען האָט דער אָרימאַן.
זין—זעמעל מיט פּוטער עסט דער נגיד.

חית—הלאת׳ן האָט דער אָרימאַן.
טית—טײבעלאַך געבראָטענע עסט דער נגיד.
יוד—יסורים האָט דער אָרימאַן.
כף—קאַלאָשען טראָגט דער נגיד.
למד—לאַפּטשעס האָט דער אָרימאַן.
מם—משקה טרינקט דער נגיד.
נון—ניכטער איז דער אָרימאַן.
סמך—סאַמעטענע קלײדער טראָגט דער נגיד.
עין—ע(אָ)בגעריסען גײַהט דער אָרימאַן.
פּי—פּיפּקעס געבראָטענע עסט דער נגיד.
צדיק—צרות האָט דער אָרימאַן.
קוף—קאָטלעטען געפרעגעלטע עסט דער נגיד
ריש—רעטאַך גריזשעט דער אָרימאַן.
שין—שערעשעווקעס*)פּאַפּיעראָסען האָט דער נגיד
תיו—תיטון פּיפּקעט דער אָרימאַן!

## מאי.

ווידער איז דער מאַי געקומען,
מיט זײַן צויבער מיט זײַן פּראַכט—
אַלע גראָזען, אַלע בלומען
האָבען ווידער אויפגעוואַכט!

ווידער בליהט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אויף די וועלדער
ווידער גלענצט עס איבעראַל,
ווידער זינגט די נאַכטיגאַל.

ווידער נעמט דער פריהלינג מאָלען,
מיט זײַן פּענזעל וואו ער שמירט,
ווערען בערגער ווערען טאָלען,
ווערט די ערד מיט גריז פערציערט.

## מײַן יונגעלע

איך האָב אַ קלײנעס יונגעלע אַ זונדעלע גאָר פײן!
װען איך דערזעה אים, דוכט זיך מיר, די גאַנצע װעלט איז מײן

נאָר זעלטען זעלטען זע איך אים, מײן שענעם װען ער װאַכט,
איך טרעף אים אימער שלאָפענדיג, איך זע אים נאָר בײנאַכט,

די אַרבײט טרײבט מיר פרי אַרױס און לאָזט מיר שפּעט צוריק.
אָ! פרעמד איז מיר מײן אײגען לײב אָ, - פרעמד מײן קינדס אַ בליק.

איך קום צוקלעמטערהײד אַהײם, אין פינסטערניש געהילט—
מײן בלײכע פרױ דערצעהלט מיר באַלד װי פײן דאָס קינד זיך שפּילט.

װי זיס עס רעדט, װי קלוג עס פרעגט: „אָ מאַמע, גוטע מאַ,
װען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר מײן גוטער פּאַ“?

איך הער עס צו און װײל—עס מוז-יאָ, יאָ, עס מוז געשעהן!
די פאָטערליבע פלאַקערט אױף; עס מוז מײן קינד מיך זעהען!

איך שטעה בײ זײן געלעגערײל און זע און הער און שאַ!
אַ טרױם בעװעגט די ליפּעלעך, „אָ װאו איז, װאו איז פּאַ?“

איך קוש די בלױע אױגעלעך, זײ עפענען זיך—אָ קינד!
זײ זעהן מיך, זײ זעהן מיך און שליסען זיך געשװינד.

„דאָ שטײט דײן פּאַפּאַ טײערער, אַ פּענעלע דיר נאַ“!
אַ טרױם בעװעגט די ליפּעלאַך: „אָ, װאו איז, פּאַ“?

איך בלײב צעװעהטאָגט און צוקלעמט, פערביטערט און איך קלער:
„װען דו ערװאַכסט אַ מאָל מײן קינד, געפינסטו מיך נישט מעהר“...

## שבת יום-טוב און ראש-חודש.

שבת, יום-טוב און ראש-חודש.
דאַװען איך מיך אַלײן פאַר זיך!
איך האָב מיר אַלײן מײן אָרון קודש,
עס בעט נישט קײנער אין איהם—נאָר איך—

מיין שווער האַרץ איז דאָרט דער עמוד
עס זעהט איהם קיינער נישט אַרויס,
די ליבע איז דאָרטן מיין נר תמיד...
עס ברענט—און לעשט קיינמאָל נישט אויס!
דער חזן בין איך—אַליין איך אַליין,
די צרות—העלפען מיר! ווי זינגערס מיט
טרויריגס זינגען מיר אויס גאַנץ שען,
פריילכס?—עפּעס גייט ביי אונז נישט!...
די האָפנונג הערט מען דאָרט פערזאָגען!
מען הערט זי אַרויס, אויך ווען זי שווייגט!..
באַ'ד הערט מען זי דאָרט וויינען קלאָגען
און די טרעהרען קלאַפּען צו, צום טאַקט!—

## גלות־מארש

מיט דעם וואַנדערשטאָק אין האַנד. אָהן אַ היים און אָהן אַ לאַנד
אָהן אַ גואל, אָהן אַ פריינד. אָהן אַ מאָרגען, אָהן אַ היינט—
נישט געדולדיגט נאָר געיאָגט, וואו געגעכטיגט נישט געטאָגט!
אימער ווער! ווער! ווער! אימער גער, גער גער!
אימער שפּאַן! שפּאַן, שפּאַן; כל זמן כח איז פאַרהאַן!

אונזער גבורה ליגט אין שטויב, אונזער תורה איז אַ רויב,
אונזער נאָמען—אַ געפאַהר, אונזער יחוס נאָר אַ צער!
אונזער גאונות נאָר אַ חטא! אונזער פיינקייט—אַ געשפעט.
אימער שלעכט! שלעכט! שלעכט! אימער קנעכט, קנעכט! קנעכט!
אימער זוך! זוך, זוך, זעגען אין דעם שונא'ס פלוך!

און אַזוי! אַ, יאָהר נאָך יאָהר און אַזוי. אַ, דור נאָך דור!
אָהן אַ האָפנונג, אָהן אַ צוועק, איינגעהילט אין גרויל און שרעק
וואַנדלען מיר וואַלד אויס וואַלד איין, פון יסורים נאָר צו פּיין.
אימער טרעט, טרעט, טרעט! אימער בעט, בעט, בעט!
אימער נויט, נויט! נויט! און קיין גליק זאָגאַר צו'ם טויט!

## דער נאכט־וועכטער.

שפּעט די נאַכט איז קאַלט און פינסטער טרויעריג און נאַס:

אין די הייזער רוהען אַלע—טויט און שטום אין גאס.
עלענד שלעפט זיך נאָר דער וועכטער אויף דער גאַס אַרום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער וועהמוטיג און שטום.

דאָרט אין וויכען ווארעם-בעטעל שלאָפט זיך אַזוי גוט;
און ווי וואָלטען זיינע ביינער דאָרט זיך אויסגערוהט!
אוי ער קלאָגט זיך פאַר'ן הימעל: זעה מיין טרויער צו:
איך אַליין האָב גאָרנישט—היט איך פרעמדע גליק און רוה!

## מיין זיידענס ברכה

נאָך דער סעודה פאַר כל נדרי,
פלעגט מיך בענשען דאַן מיין זיידע!
אויף מיין קעפּעל פלעגט ער לייגען:
זיינע דאַרע הענד די ביידע.
צוגעטוליעט צו זיין קיטעל.
פלעג איך ציטערען און הערען
און דעם זיידענס חמארנע אויגען
פלעגען ווערען פול מיט טרעהרען.
נו מיין קינד, איצט קום אין שול מיט;
גאָט וועט אלדאס גוטס שוין געבען.
זיי אַ גוטער און אַ פרומער.
שרייבט ער אָן דיר לאַנג צו לעבען.
אין מקוים איז געוואָרען
אָט דער טייל פון זיינע ברכות:
לעבען לעב איך אין יסורים,
כ'ווייס נישט ווען אויף להכעיס,
קראַנק און עלענד נאָך פון קינדהייט
און אין קיין זאַך קיין הצלחה,
איז מיר נמאס לאַנג מיין לעבען,
דאָך עס גילט מיין זיידענס ברכה.
לאַנגע יאָהרען—און איך האָב זיי
גאָך דערצו אויך לאַנגע שמערצען;

יעדען טאָג—אַ נייעם אונגליק,
נייע וואונדען אין מיין הערצען,
זיידע האָסט געמיינט צום גוטען,
און דיין ברכה האָט געשאָלטען!
אָבער זיידע! מיט דיין בענשען
האָסט דו מיך דאָך גאָר פערשאָלטען.

## אונטער די גרינגקע בוימעלעך.

אונטער די גרינגקע בויכעלעך
שפּילען זיך משה'לעך שלמה'לעך;
ציצית, קאַפּאָטקעלעך! פּאה'לעך—
יודעלעך פריש פון די אייעלעך,
גופים'לעך—שטרוי, רויך פון די פעדערלעך
נעם און צובלאָז זיי אויף גלידערלעך,
כאַפּען זיי אויף גרינגע ווינטעלעך
און עס צוטראָגען זיי פויגעלעך...

נאָר איין זאָך פערמאָגען זיי—אויגעלעך,
די אויגען פערמאָגען צוויי פינטעלעך,
וואָס גליהען און פינקלען און טוקען זיך
און עפּעס ווי נביא'יש און וואונדערליך
פערטראכטען זיך טיף און פערקוקען זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פויגעלעך...
אוי, מיר זאָל זיין יודישע קינדערלעך
פאָר אייערע כשר'ע אויגעלעך!...

## אויגעלעך הארציגע.

אויגעלעך האַרציגע,
קריינזעלעך שוואַרצינקע
הענגען ווי גלעקעלעך,
רויטינקע בעקעלעך,

גריבעלעך-חנ'דעלעך,
פערעלנע ציינדעלעך,
נצָר... צו אַ מאַנעלע
דארף מען אַ נדנ'עלע...

## א יונגעלע פון פוילען

די מאַמע איז געגאַנגען אין מאַרק אריין נאָך קוילען,
האָט זי מיר געבראַכט אַ יונגעלע פון פוילען;
אוי איז דאָס אַ יונגעלע, אַ שיינס און אַ פיינס,
מיט שוואַרצע אויגעלעך, קעצעלע דו מיינס,

די מאַמע איז געגאַנגען אין מאַרק נאָך קרויט,
האָט זי מיר געבראַכט אַ יונגעלע פון בויד;
אוי איז דאָס אַ יונגעלע, אַ שיינס און אַ פיינס,
מיט די ווייסע ציינדעלעך, קעצעלע דו מיינס.

איך האָב געגעסען מאַנדלען און האָב געטרונקען וויין;
איך האָב געליבט אַ יונגעלע, איך קען אָן אים נישט זיין.
אוי איז דאָס אַ יונגעלע אַ שיינס און אַ פיינס,
מיט די שוואַרצע הערעלעך, קעצעלע דו מיינס.

## בראָנטשעלע.

ווער קלאַפט דאָס אזוי שפעט ביינאַכט? יאַנקעלע וואָליאַנטשיק?
—עפען, עפען, בראָנטשעלע, איך בין דיין קאָכאַנטשיק! (ב״ס)

ווי קאָן איך דיר עפענען, כ׳האָב מורא פאַר מיין מאַמען.
—עפען, עפען, בראָנטשעלע, כ׳וועל זיך גאָרנישט זאַמען! (ב״ס)

ווי קאָן איך דיר דען עפענען, כ׳האָב מורא פאַר דעם טאַטען.
—עפען, עפען, בראָנטשעלע, ס׳וועט דיר גאָרנישט שאַטען! (ב״ס)

ווי קאָן איך דיר דען עפענען, כ׳האָב מורא פאר מיין שוועסטער.
—עפען! עפען, בראָנטשעלע, ס׳וועט זיין פאַר דיר בעסער! (ב״ס)

ווי קאָן איך דיר דען עפענען, כ׳האָב מורא פאַר מיין ברודער.
—עפען, עפען, בראָנטשעלע, מאַך נישט קיין גערודער! (ב״ס)

ווי קאָן איך דיר דען עפענען, כ׳האָב מורא פאַר מיין פעטער.
—עפען, עפען, בראָנטשעלע, כ׳וועל נישט קומען שפעטער! (ב״ס)

ווי קאָן איך דיר דען עפענען, כ׳האָב מורא פאַר מיין מומען.
—עפען, עפען, בראָנטשעלע, אַניט וועל איך מער נישט קומען...ב״ס

## א מיידעל אין די יאָרען.

איך בין שוין אַ מיידעל אין די יאָרען,
וואָס האָסטו מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט;
איך וואָלט שוין לאַנג אַ כּלה געוואָרען, } ביס
און אפשר טאַקע חתונה געהאַט.

דו האָסט מיר צוגעזאָגט נעמען,
איך האָב אויף דיר געוואַרט;
פאַרוואָס זאָלסטו, דושעניו, מיך פאַרשעמען, } ביס
צי האָסטו דיר אין מיר גענאַרט.

און אפשר גייט דיר, קעצעלע, אין נדן,
די מאַמע וועט פאַרקויפען די שטוב;
מיר וועלען ביידע חתונה האָבען, } ביס
ווייל איך האָב דיך ליב!

און אפשר ווילסטו וויסען מיין יחוס,
דער זיידע איז געווען אַ רב;
לאָמיר זשע ביידע חתונה האָבען } ביס
און זאָל שוין נעהען אַ סוף..

## אין דרויסען איז א טריבער טאָג.

אין דרויסען איז אַ טריבער טאָג, אין שטיבעלע איז אַ פאַרע;
כ'האָב פאַרגעסען מיינע יונגע יאָרען ווי אין
אַ פינסטערער כמאַרע. (ביס)

ווי אַ פינסטערע כמאַרע אין דער טאָג פון מיין געבוירען;
איך האָב געהאַט אַ טייערן דימענט און האָב אים אָנגעוואוירן. (ביס)

איך האָב אים אָנגעוואוירען און קען אים נישט געפינען;
שטיין שטייט ער פאַר מיינע אויגען, נאָר איך קען
צו אים נישט קומען. (ביס)

איך קען צו אים נישט קומען, כ'קען מיט אים נישט ריידען;
אוי, פון אונזער הייסע ליבע מוזען מיר זיך צושיידען! (ביס)

מיר מוזען זיך צושיידען, ווי דער גוף פון דער נשמה;
אוי, קיין גוטס זאָל דער נישט האָבעי, ווער עס
דערלעבט אָן אונז נקמה! (ביס)

איך וועל זיצען און קלאָגען ביז מיין גראָהען צאָפּ.
ווייל מען האָט מיר צוגענומען די קרוין פון קאָפּ. (ביס)

די קרוין פון מיין קאָפּ, די צווייגען פון דעם בוים;
מ'האָט דאָך מיר צוגענומען דעם שענסטען פאַרשוין! (ביס)

אַלע וואַסערלעך לויפען אַוועק, די גריבעלעך בלייבען ליידיק;
אוי, וואו נעמט מען אַ מענשען, וואָס זאָל
פאַרשטיין מיין ווייטאָג? (ביס)

אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין מענש,
וואָס זאָל קאָנען די שטערען איבערציילען;
אַזוי איז אויך נישטאָ קיין מענש, וואָס זאָל קענען
מיינע וואונדען היילען. (ביס)

## א ליד פון א פייגעלע.

איך גיי אַרויס אויפ'ן גאַניקעל דאָס שטעטעלע באַקוקען. (ביס)
קומט צופליען אַ קליין פייגעלע און טוט זיך צו מיר בוקען. (ביס)

נישט אַזוי דאָס קליינע פייגעלע, ווי איר שיינער פליען. (ביס)
זי וואַרפט אַראָפּ מיר אַ קליין בריוועלע.
איך טו עס גלייך באַקומען. (ביס)

איך לייען־איבער די ערשטע שורה'לע —
דער געליבטער איז פאַרדאָרבען,!
איך לייען־איבער די צווייטע שורה'לע,
דער געליבטער איז געשטאָרבען!
קלויבט צונויף אלע מיינע חבר'טעט, אַלעמען אינאיינעם,
ווער ס'האָט נאָר אַ ליבע געפירט, זאָל מיר העלפען ווייִנען!

## א ליבע

אַ ליבע, א ליבע איז גוט צו פירען,
מיט אַ מענשען, אָבער נישט מיט דיר;

געוואַלד, איך וועל דורך דיר קראַפּירען,— } ב״ס
וואָס האָסטו דיך איינגעליבט אין מיר. }

וואָס שטייסטו אונטער מיין פּענסטער,
ווי אַ זעלנער פאַר דער טיר ;
געוואלד, צי בין איך דען די שענסטע,— } ב״ס
וואָס האָסטו דיך איינגעליבט אין מיר. }

וועסט קריגען אַ שענערע און אַ בעסערע,
רייכער וועט זי אויבעט זיין פון מיר ;
אַ בריה וועט זי אויך זיין אַ גרעסערע, } ב״ס
וואָס האָסטו זיך איינגעליבט אין מיר. }

## פּיגעלע איז געווען א וואוילע מייד.

פּייגעלע איז געווען אַ וואוילע מויד,
זי האָט זיך קיינמאָל נישט געליבט ; (ב״ס)
איינמאָל האָט זי זיך פאַר'ן טויער געשטעלט
דאָס האַרץ איז געווען איר באַטריבט,
איז פאַרביי געגאַנגען אַן אָפיציר
און האָט זיך אין איר פערליבט.

זי איז מיט אים שפּאַצירענס געגאַנגען,
זיין שווערד האָט געטאָן אַ קלונג ; (ב״ס)
זאָג און ווי איז דאָך צו מיר. } ב״ס
איך בין דאָך אַ יודיש קינד. }

וואָס גייסטו נישט אַהיים צו דיין ווייב און קינד,
זיי ווייסען דאָך נישט וואו דו ביסט ; (ב״ס)
איך קען דאָך נישט מיט דיר חתונה האָבען } ב״ס
וויל דו ביסט אַ קריסט. }

אין שלעכטען וועטער, צוועלף בייננאַכט,
דאָס האָט זיך דאָס אומגליק געטראָפען ; (ב״ס)
ער האָט זי פאַר'ן טויער אָפּגעוואַרט, } ב״ס
און האָט זי מיט אַ מעסער דערשטאָכען, }

זי האָט געשריען: שוועסטער, מאַך אויף!
איך בין דאָך אין אַ גרויסער נויט; (ביס)
און איידער די שוועסטער האָט די טיר אויפגעמאַכט
איז פייגעלע געלעגן שוין טויט... } ביס

## די גאָלדענע פאַווע.

עס קומט צופליען די גאָלדענע פאַווע
פון פרעמדען לאַנד, פון פרעמדען לאַנד.
האָט זי פאַרלוירען דעם גילדענעם פעדער מיט אַ גרויסען שאַנד. (ביס

ס'איז נישט אַזוי דער גילדענער פעדער,
ווי די פאַווע אַליין, ווי די פאַווע אַליין,
עס איז נישט אַזוי דער איידעם ווי די טאָכטער אַליין. (ביס)

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַ פויגעלע אויף דעם ים, אַ פויגעלע אויף דעם ים,
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער, ביי אַ שלעכטען מאַן. (ביס)

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
ווי אַ פויגעלע אָן אַ נעסט, אַ פויגעלע אָן אַ נעסט,
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער, שווער און שוויגער'ס קעסט. (ביס

## לאָמיר זיך איבערבעטען.

לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
שטעל דעם סאַמאָוואַר; (ביס)
לאָמיר זיך איבערבעטען, זיי זשע נישט קיין נאַר. (ביס)

לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
קויף אַ פאָר מאַראַנצען; ((ביס)
לאָמיר זיך איבערבעטען. לאָמיר גיין טאַנצען. (ביס)

לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
וואָס שטייסטו ביי דער טיר; (ביס)
לאָמיר זיך איבערבעטען, גיב אַ קוק אויף מיר, (ביס)

לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
שעם זיך, עטיל־דבורה! (ביס)
לאָמיר זיך איבערבעטען, די צייט איז אַן עבירה. (ביס)

לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
קויף אַ פֿונט פּיסטאַשקעס; (ביס)
לאָמיר זיך איבערבעטען, שענק מיר דיינע לאַסקעס. (ביס)

לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
גענוג שוין זיין ווי גוים; (ביס)
לאָמיר זיך איבערבעטען, לאָמיר שרייבען תנאים. (ביס)

## מלוה מלכה

אַ, ברודער זאָג,
ווי הייסט דער טאָג,
ווען מיר אַלע זענען פריילּיך?
דער יודעלע דער קליינער,
דער כשר'ער דער שיינער } ביס
איז דאָך דאַן אַ מלך?

שבת אַליין
קומט צוגיין,
זייט זשע פריילּיך אַלע!
טאַנץ, קינדער,
יעדער באַזונדער } ביס
לכבוד דער הייליגער כלה!

דאָס איז קלאָר,
ווי אַ האָר,
אַז שבת איז די כלה;
דער חתנ'דל דער שיינער
איז נישט קיינער, } ביס
נאָר מיר יודען אַלע.

ווער עס טראַכט
און חוזק מאַכט
פון דער כלה־חתן,
דער זאָל טאַקע
עסען אַ מכּה } ביס
פון דער סעודה לויתן!

## אַ חבר'טע

אוי, איינע צוויי ווערטער האָט ער געטאָן ריידען,
אַזוי האָט ער זיך איינגעליבט אין מיר, אוי אין מיר;
אוי, גאָט זאָל אים צאָלען אין אַלע זיינע וועגען,
דעם תכלית, וואָס ער האָט געמאַכט פון מיר! } ביס

אַ חבר'טע, אוי חבר'טע האָב איך געהאַט אַ געטרייע,
וואָס געטרייער קאָן שוין גאָרנישט זיין, אוי נישט זיין;

אוי, מיט אירע פֿאַלשע ווערטער האָט זי אים צוגענומען,
געבליבען בין איך עלענט ווי אַ שטיין.

אַ חבר'טע, אוי חבר'טע האָב איך געהאַט אַ געטרייע,
פֿון אַלע סעקרעטען האָט זי ביי מיר געוואוסט, אוי געוואוסט;
אוי, היינט טוט מען זינגען, אין אַלע גאַסען קלינגען,
אַז מיין סטראַדאַניע איז געווען אומזיסט. } ביס

חבר'טעס, אוי חבר'טעס, נעמט זיך אַלע אינאיינעם,
אוי, נעמט אַראָפּ אַ מוסר זיך פֿון מיר, אוי פֿון מיר;
אוי, גאָט זאָל אייך היטען, אוי פֿון אַ פֿאַלשע ליבע,
אַזוי ווי איינעם פֿון אַ יונגען טויט! } ביס

אוי, היינט איז מיר ביטער, און צו דערצו נאָך פֿינסטער,
וואָס ערגער, מאַמע, קאָן שוין גאָרנישט זיין, אוי נישט;
אוי, אַ שטיין אויף מיין האַרצען, אוי, וועל איך זיך אויפהענגען,
און וועל זיך וואַרפען, אוי, אין ים אַריין. } ביס

אזוי ווי איך בין אין ים אַריינגעפאַלען,
געוואָרען איז אַ שטורם מיט ווינט, אוי אַ ווינט;
אוי, אַז מיין מאַמע זאָל וויסען, אַז איך טו זיך טרינקען,
געלאָפען וואָלט זי ראַטעווען איר קינד. } ביס

## העלף מיר גאָטעניו!

העלף מיר, גאָטעניו, איבער'ן וואַסערעל,
העלף מיר, גאָטעניו, איבער'ן בריק;
מיר דערמאָנט זיך מיין טייער לעבען,
און שלאָפען שלאָף איך קיין נעכט ניט,

וויפיל נ'אָווענטלעך מיר ביידע געזעסען,
וויפיל נ'אָווענטלעך שפעט אין דער נאַכט;
וויפיל טרערעלעך מיר ביידע פאַרגאָסען,
און אונזער ליבע אַרויסגעבראַכט.

דיינע אויגעלעך, שוואַרצע קערשעלעך

דיינע ליפעלעך—צוקער־זיס;
דיינע בעקעלעך—ראָזע בלומען,
עס קומט פון דיר נאָך ביז היינט אַ קוש...

## אַ וויגן־ליד

ס׳ליופען, ס׳יאָגען שוואַרצע וואָלקען,
ס׳פייפט און ברומט דער ווינד—
פון דערווייטען שיקט דיין מאַמע
דיר אַ גרוס, מיין קינד!
נאָר דער ווינד, ער ברענגט אונז גרוסען
פון דעם קאַלטען לאַנד:
דאָרטען שטעהט ער, אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנד.
און ער גראָבט אַלץ טיפער טיפער,
וואַרפט די ערד אַרויס,
זאָרג נישט, קינד מיינס, פאַר'ן שקר
גראָבט ער קברים אויס.
נישט דער ערשטער, נישט דער לעצטער
פאַלט ער אויפ'ן פעלד!
זאָרג נישט קינד מיינס, דיך געבאָרען
האָט אַ גרויסער העלד.
און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסען,
שלאָף זשע, שלאָף אַצינד!
זאַמעל כחות פאַר דעם צוקונפט,
זאַמעל איינציג קינד!

## אמד און שטערען

עס שיינט די לבנה; עס גלאַנצען די שטערען;
די נאַכט שוועבט אויף באַרג און אויף טהאָל...
דאָס אַלטיטשקע ביבעלע ליגט פאַר מיר אָפען—
איך לייען עס, לייען דאָס טויזענדע מאָל.

איך לייען די הייליגע, טייערע ווערטער,

מיר הערט זיך אַ שטומע: איך שווער—
מיין פאָלק, דו וועסט זיין ווי די שטערן אין הימעל,
ווי זאַמד אויפ׳ן ברעג פונ׳ם מעער...

רבונו של עולם! עס ווערט נישט פאַרפאַלען
פון דיינע הבטחות קיין איינציגעס וואָרט;
מקוים מוז ווערען דיין הייליגער ווילען,
אַלץ קומט אין זיין צייט אויף זיין אָרט.

און איינס איז שוין טאַקע מקוים געוואָרען,
דאָס פיהל איך, דאָס ווייס איך געוויס:
מיר זענען געוואָרען ווי זאַמד, וואָס איז הפקר,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יאָ, גאָטעניו אמת, ווי זאַמד און ווי שטיינער,
צושפרייט און צעוואָרפען אויף שאַנד און אויף שפּאָט
נו אָבער די שטערען, די ליכטיגע קלאָרע—
די שטערען, די שטערען—וואו זענען זיי, גאָט?

## הער נאָר דו, שעהן מעדעלע!

הער נאָר דו, שעהן מעדעלע,
הער נאָר דו, פיין מעדעלע,
וואָס וועסטו טון אין אַזאַ ווייטען וועג?
איך וועל געהן אין אַלע גאַסען
און וועל שרייען וועש צו וואַשען,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין.

הער נאָר דו, שעהן מעדעלע,
הער נאָר דו פיין מעדעלע,
וואָס וועסטו טון אין אַזאַ ווייטען וועג?
איך וועל געהן מיט׳ן שווערען פעקעל
אָהן שיך און אָהן רעקעל,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

אַבּי מיט דיר צוזאַמען זיין.

הער נאָר דו, שעהן מעדעלע,

הער נאָר דו פיין מעדעלע,

וואָס ווערסטו טון אין אַזאַ ווייטען וועג?

איך וועל טויזענד צרות ליידען,

אומעטום נדבות קלויבען.

אַבּי מיט דיר צוזאַמען זיין,

אַבּי מיט דיר צוזאַמען זיין.

## דאָס קאָזשעניצער שניידער'ל.

בּין איך מיר אַ שניידער'ל אַ גוטער,

כ'נעה פאַר'ן קאָזשעניצער רבּי'ן אַ פוטער;

איך נעם אַרויס די גוטע וואַטע

און לעג אַריין אַנ'אַלטע שמאַטע.

טראַ לאַ לאַ לאַ.

בּין איך מיר אַ שניידער'ל, ס'איז מיר גוט,

לעבּ איך זיך צופרידען און בּערוהט;

מיט'ן פאָדעם און מיט דער נאָדעל

לעבּ איך מיר אָב, בּכבוד גדול.

טראַ לאַ לאַ לאַ,

בּין איך מיר אַ שניידער'ל אַ גוטער,

נעה איך מיר פאַר'ן קאָזשעניצער רבּי'ן אַ פוטער

איך דרעה אים אַהער, איך דרעה אים אַהין

און גנבע'ע אַראָב אַנ'אַנדערטהאַלבּען אַרשין.

טראַ לאַ לאַ לאַ.

דער בּגד איז שוין גאַנץ פאַרטיג,

טראָג איך אים אָב שעהן און אַרטיג;

ער נעמט אים קערען! ער נעמט אים דרעהען

און ווייזט מיר אַ קנעפעל איבּערצונעהען.

טראַ לאַ לאַ לאַ.

ער זאָגט, אַז דער בּגד איז נישט גוט

און צאַפּט פון מיר אויס דאָס בּלוט;

דער בגד איז גוט ווי די וועלט,
ער וויל נישט בעצאָהלען קיין גראָשען געלד.
טראַ לאַ לאַ לאַ.

## נאָר נעמען באַגראַנדע

כ׳בין געווען אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגען דעם טאַטען;
היינט זיץ איך אין פּאַוויאַק און קוק אַרויס דורך די קראַטען.
אוי, גוואַלד, כ׳וועל נישט גנב׳ענען נאָר נעמען באַגראַנדע (ביס)
כ׳בין געווען אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגען דער מאַמען;
היינט זיץ איך אין טורמע און וואַלגער זיך אין די יאַמען.
אוי, גוואַלד, כ׳וועל נישט א. אַ. וו.
כ׳בין געווען אַ קליינער יאַט,
האָב איך נישט געוואָלט פאָלגען דעם ברודער;
היינט זיץ איך אין ק׳טשע און זינג מיר לידער,
אוי, גוואַלד, כ׳וועל נישט א. אַ. וו.
כ׳בין געווען אויף די פריי,
האָב איך געגעסען מיט זילבערנע לעפעל;
היינט זיץ איך אין קרימינאַל און עס מיר פון שעפעל...
אוי! גוואַלד, כ׳וועל נישט א. אַ וו.
די פויגעלעך שטעהן אויפ׳ן דאַך
און קוקען אַרונטער;
איך האָב נאָך צו זיצען אַ זומער מיט אַ ווינטער.
אוי, גוואַלד, כ׳וועל נישט אַ. אַ. וו.
כ׳בין אַרויס פון קרימינאַל
מיט אַ שעהנעם שטייגער;
דער ערשטער פּאַטשאָנטעק: אַ גאָלדענער זייגער.
אוי גוואַלד כ׳וועל נישט גנב׳ענענ נאָר נעמען באַגראַנדע. (ביס)

## מיין מאַמע, מיין מוטער

הער מיך אויס, מיין ליב קינד, איך וועל דיר עפּעס זאָגען:

איך וועל דיר געבען אַ שניידער יונג, זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען
—גיין מאַמע, גיין מוטער, אַ שניידער־יונג איז זער ביטער
אַ שניידער יונג נעהט מיט דער נאָדעל
און שלאָגט דאָס ווייב בכבוד גדול...
גיין מאַמע, גיין מוטער, אַ שניידער יונג איז זעהר ביטער
העד מיר אויס מיין ליב קינד, איך וועל דיר עפּעס זאָגען:
איך וועל דיר געבען אַ שוסטער יונג זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען
—גיין מאַמע, גיין מוטער, אַ שוסטער יונג איז זעהר ביטער.
ער ציהט די דראָטווע מיט די ציין
און קוקט אויף מיידלעך מלא חן...
גיין מאַמע, גיין מוטער, אַ שוסטער יונג איז זעהר ביטער
הער מיך אויס מיין ליב קינד, איך וועל דיר עפּעס זאָגען:
איך וועל דיר געבען אַ סטאָלער יונג זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען
—גיין מאַמע, גיין מוטער. אַ סטאָלער יונג איז זעהר ביטער
אַ סטאָלאַר יונג מאַכט אַ בעט
געהט צו דער חופה און טראַכט אַ גט.
גיין מאַמע, גיין מוטער. אַ סטאָלאַר יונג איז זעהר ביטער
הער מיך אויס מיין ליב קינד, איך וועל דיר עפּעס זאָגען:
איך וועל דיר געבען אַ בעקער יונג זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען.
גיין מאַמע גיין מוטער! אַ בעקער יונג איז זעהר ביטער
אַ בעקער יונג באַקט אַ ברויט
און ברענגט דעם ווייב אַ גיכען טויט.
גיין מאַמע גיין מוטער אַ בעקער יונג איז זעהר ביטער!
הער מיר אויס מיין ליב קינד, איך וועל דיר עפּעס זאָגען:
איך וועל דיר געבען אַ רב אַ יונג זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען
גיין מאַמע גיין מוטער. אַ רב אַ יונג איז זעהר ביטער
אַ רב אַ יונג קוועטשט די באַנק
און מאַכט זיין ווייב'ל אַלט און קראַנק.
גיין מאַמע, גיין מוטער אַ רב אַ יונג איז זעהר ביטער.
הער מיר אויס מיין ליב קינד, איך וועל דיר עפּעס זאָגען:
איך וועל דיר געבען אַ שרייבער יונג זאָלסט מיט איהם חתונה האָבען
—יאָ מאַמע, יאָ מוטער, אַ שרייבער יונג איז גאָרנישט ביטער

אַ שרייבער יונג שרייבט מיט דער פען
און קושט דאָס ווייבעל ווען ער קען,
יאָ מאַמע יאָ מוטער, אַ שרייבער יונגנ איז גאָרנישט ביטער

## פון מאָנטאג אין דער פריה,
## ביז פרייטאָג פאר נאכט.

פון מאָנטאָג אין דער פריה ביז פרייטאָג פאַרנאַכט.
מיין ווייב טשיפע-טרייבע האָט דעם קוגעל געמאַכט.
האָט אַ יוד אַ ווייבעלע! האָט אַ ווייב אַ יודעלע,
האָט אַ יוד אַ ווייבעלע! האָט אַ ווייב אַ יודעלע,
ווי ס'איז געקומען שבת צום עסען.
האָט זי דעם קוגעל אין אויווען פערגעסען.
האָט אַ ווייב אַ יודעלע א. אַ. וו.
האָט ער גענומען דעם גראָבען שטעקען
און האָט אָנגעהויבען דאָס ווייבעל צו דעקען.
האָט אַ יוד א. אַ. וו.
האָט זי גענומען די אַלטע שקראַבעס
און איז ענטלאָפען צום טאַטען אויף שבת.
האָט אַ יוד א. אַ. וו.
האָט ער גענומען מיט די שכנים שפעקולירען,
מען זאָל איהם זיין ווייבעל ברענגען צו פיהרען.
האָט אַ יוד א. אַ. וו.
האָט מען שוין דאָס ווייבעל געבראַכט,
פון מאָנטאָג אין דער פריה ביז פרייטאָג פאַר נאַכט.
האָט אַ יוד א. אַ. וו.
אוי, מיין מאַן, זאָלסט מיר לעבען אויף דער וועלט,
זאָלסט מיר נאָר געבען דעם בייטעל מיט געלד.
האָט א יוד א. אַ. וו.

## וואָס וועט זיין מיט דעם רבי'ן דעם פרומען?

וואָס וועט זיין מיט דעם רבי'ן דעם פרומען.

במהרה בימנו אַז משיח וועט קומען!
—פון ווין און פון בראָנפען וועט געהן אַ רעגען
און דאָס וועט זיין פאַר די חסידים'ס וועגען,
—במהרה בימנו, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.
ס'וועט דאָך זיין אַ ליכטיגע וועלט, (דריימאָל)
מ'עט טרונקען בראָנפען אומגעשטעלט.
מען וועט נעמען אַ בהמה אַ כשר'ע אַ פרומע,
זי וועט זיין אַן אייניקעל פון דער פרה־אַדומה;
מען וועט זי איינשפּאַנען אין דער קאַרעטע פון דעם רבין
דעם פרומען,

במהרה בימינו! אַז משיח וועט קומען.
טראַ לאַ לאַ לאַ לאַ, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.
ס'עט דאָך זיין אַ ליכטיגע וועלט: (דריי מאָל)
מ'עט טרונקען שפּירעטעס אומגעשטעלט.
די קאַרעטע וועט זיין פון פאַרמעט בישט פון לעדער,
פון עצי־שיטים וועלען זיין די רעדער;
די צקסען וועלען זיין פון עצי־גופר,
און די בייטש—אַ ציצה געבינדען אין אַ שופר.
טראַ לאַ לאַ לאַ לאַ, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.
ס'עט דאָך זיין אַ ליכטיגע וועלט, (דריימאָל)
מ'עט טרונקען שפּירעטעס אומגעשטעלט.
אויף די בוימער וועלען וואַקסען קוילעטשען מיט בולקעס,
די צווייגען וועלען זיין ציבוקעס מיט ליולקעס;
די בלעטער וועלען זיין טערקישער טיטון
און מיר חסידים וועלען רויכערען דערפון.
טראַ לאַ לאַ לאַ לאַ, ווי דערלעבט מען שוין דאָס.
ס'עט דאָך זיין אַ ליכטיגע וועלט, (דריי מאָל)
מ'עט טרינקען שפּירעטעס אומגעשטעלט.

## יאַשקע פאָרט אַוועק!

ז י: קויף מיר נישט קיין לאָקענעס און מאַך מיך נישט שיין;
קויף דיר אַ פּאָר שטיוועלעך, צום פריזיוו דאַרפסטו גיין.

אוי, אוי, אוי, יאָשקע פאָרט אַוועק
נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה, דער פּאָיעזד גייט אַוועק! } ביס צוזאמען

ער: זיי זשע מיר געזונט, מיין טייער־ע כלה;
נאָך דיר וועל איך בענקען, מער ווי נאָך אַלע.
אוי. אוי, אוי, יאָשקע פאָרט אַוועק
נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש, דער פּאָיעזד גייט אַוועק! } ביס צוזאמען

זי: די באַן איז שוין געקומען, און עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק;
לאָמיר זיך געזעגנען, דער פּאָיעזד גייט אַוועק.
אוי, אוי, אוי, אוי, יאָשקע א. אַ. וו.

ער: קלאָג־זשע נישט און וויין־זשע נישט, ס׳איז אַלסדינג בלאָטע,
איך וועל זיין ביי פּאָניען דער שענסטער אין דער ראָטע.
אוי, אוי, אוי, אוי, יאָשקע א. אַ. וו.

זי: דרויסען איז אַ זאַוויערוכע, דרויסען איז אַ שניי;
אוי וויי, מאַמעלע, דאָס קעפּעלע טוט וויי.
אוי, אוי, אוי, אוי, יאָשקע א. אַ. וו.

## בעסער א מלמד.

בעסער אַ מלמד, אַפילו אַ בייזען;
איידער אַ סטודענט אין צוריסענע הויזען.

בעסער אַ באַהעלפער, מיט אַ טוץ קליינע קינדער;
איידער אַ דאָקטאָר מיט אַ צובראָכענעם צילינדער.

בעסער אַ קלויזניק, אַפילו נישט קיין גוטער;
איידער אַפטייקער, וואָס פרעגעלט פלייש אויף פוטער.

## די שטאָק שפּיל

### א

ווער נאָר די שפּיל בעטראַכט
די שטוהלען מיט דעם שטאָק,

ווי איינער געהט זיך גאַנץ באַוואַכט,
אַזוי איז שוין דער חק.
פּלוצלונג זיצט ער אויף אַ שטוהל,
זיין שטאָק בלייבט שוין שטעהן.
די שטוהלען ווערען מיט מענשען פול;
נאָר איינער בלייבט אַליין.

ב

ד׳נר איינער נעבאַן וועלכער בלייבט,
די שאַנדע איז זעהר גרויס,
דער פון איהם קאַטאַוועס טרייבט,
דער צווייטער לאַכט איהם אויס.
ערקלערט מיר נור די זינד פון איהם
זיין בלוט וואָס מען צאַפּט.
וואָס האָט ער פאַר אַ שולד אין דעם,
אַז מען האָט זיין אָרט פאַרכאַפּט.

ג

עס ווערט די שטוב מיט קולות פול
צו זעהן איז דאָס געשמאַק,
ווי צוויי זעצען זיך אויף איין שטוהל,
ווי צוויי קעץ אין איין זאַק.
קוק זיך איין פון זיי דעם סוף
בעטראַכט אויף זיך אַליין,
ווי ביידע נעבאַן באַצאָלן שטראָף
און ביידע בלייבען שטעהן.

ד

די זעלבע זאַך ביי אונז אויך טרעפט
אַ רחמנות גלייבט נאָר מיך,
ווי צוויי פאַלען צו אויף איין געשעפט
יעדער ציהט צו זיך.
איינער וויל דעם צווייטען דרוקען,

יענעם מאַכען נויט!
ברידער הערט זיך אויף צו פליקען,
זעהט איהר בלייבט אָהן ברויט.

ה

די שפּיל פון שטאָק איז אַקוראַט,
ווי די מענשען אויף דער וועלט,
ווער עס קען כאַפּען זיין אַ כוואט,
יענעם קומט דאָס געלד.
קען ער נור נישט לויפען שנעל
וויל נור ערליך געהן
פאַרלויפט דער צווייטער אויף זיין שטעל
ער נעֶבעך בלייבט שוין שטעהן.

## פריהלינגס רעגען.

(אין אָרימען געסעל)

אַ רעגענדעל האָט זיך געלאָזען
ערקוויקענד, מחיה׳דיג, לייכט
און קאַפּיעט און פּויקט אין די פענסטער
די שויבעלעך מאַכענדיג פייכט.

איך קוק ווי דאָס רעגענדעל קאַפּיעט
און שפּריצט אויף די שטיינער פון גאַס
און עפּעס פערקלעמט מיך ביים האַרצען
און מאַכט מיר מיינע אויגען מיר נאַס.

דעם רעגען, די ברכה פון הימעל,
וואָס שפּריצט אויף דער ערד זיך און גיסט
ער פאַלט אויף מיין אָרעמען געסעל
און געהט דאָ פערלוירען אומזיסט.

ער וועט זיך מיין געסעל פערבלייבען
פער׳הושכ׳ט און אָרעם ווי פריהער

אַזוי ווי די אָרעמע מענשען,
וואָס לעבען און שמאַכטען אין איהר.

אוי אָרעמעס, אָרעמעס געסעל!
קיין גרעזעל, קיין בלעטעל, קיין בלום,
נאָר קראַנקע געבוירענע מענשען,
ווי שאָטענס שלעפּען זיך אום,

איך קוק ווי דאָס רעגענדעל קאַפּיעט
און עפּעס אין האַרצען מיך ציהט:
אוי אָרעמעס, אָרעמעס לעבען,
עס שפּראָצט דאָך וואו ערגעץ און בליהט

## עלעגיע.

די זון פערגעהט אין פלאַמען,
די זון—מען זעהט זי קוים.
אַזוי פערגעהט מיין האָפנונג,
אַזוי פערלעשט מיין טרוים.

די נאַכט, די נאַכט איז פינסטער,
די נאַכט איז שטום און שוואַרץ;
אַזוי זעהט אויס מיין טרויער,
אַזוי זעהט אויס מיין האַרץ...

וועלט, די וועלט, דו זאָרג גישט—
באַלד לייכט אויף דיין טאָג!
אייביג איז מיין טרויער,
אייביג איז מיין קלאָג.

## דאָס געבעט.

עס הערט זיך דער דונער פון ווייטען,
עס בלענדט אין די אויגען דער בליץ
אָ, גאָט! האָב רחמנות, די אַרימע
פון בייזען געוויטער בעשיץ.

וואָס אַרבייטען יעצט אויף די פעלדער
געפינען זיך ווייט פון דער היים
און האָבען קיין אָרט ווי זיך שיצען,
קיין שייער, קיין דעכיל, קיין בוים!

וואָס זענען אַצינד אונטערוועגענס,
די פוהרען מיט משא פערלייגט,
און ווייט איז פאַר זיי נאָך אַ קרעטשמע
און וועלען פון רעגען צעווייקט.

וואָס שטעהען אין מאַרק מיט די קוישען
מיט עפּיל, מיט גרינע און מיט ברויט —
און אַלע וואָס זענען איצט אין דרויסען;
וואָס טרייבט זיי דער הונגער און נויט

און אַלע וואָס זענען פערוואָגעלט,
וואָס ד'ערד גיט קיין ווינקעל זיי נישט
די אַלע פון בייזען געוויטער
בעשירמע זיי, גאָט און בעהיט!

## אַנהויב פרילינג

אַ ליכטיגער טאָג —
איך האָב אים דערקאָנט;
איך האָב מיך אין טרוים,
אין אַלטען דערמאָנט

און עפּיס אין קאָפּ
ווערט ליכטיג און ריין,
און עפּיס אין האַרץ
ווערט וואַרים און שעהן.

עס פרעגט מיך איין שטראַהל:
געדענקסטו, געדענקסט?
אַ צווייטער שטראַהל פרעגט:
צי בענקסטו, דו בענקסט?

אַ דריטער שטראַהל פרעגט:
צי פיהלסטו נאָך איהר גלעט?
און נאָך איינער פרעגט:
צי איז שוין נישט שפעט?

אָ, שטראַהלען, לאָזט אָב —
געווען איז עס לאַנג!
אָ, שטראַהלען, נישט פרעגט —
עס טוט אזוי באַנג!...

## די מוטער צום קינד

שלאָף נאָר, שלאָף נאָר, ליבעס קינד —
אין דרויסען איז אַ פראָסט, אַ ווינד!
גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען,
גאָט זאָל אונז דערוואַרעמען.

אָ, דער ווינטער שרעקט מיך, שרעקט —
ליג, מיין קינד, נאָך איינגעדעקט —
שלאָף נאָך, אָרים פייגעלע.
עפען נישט דיין אייגעלע.

ועסט דערזעהן אַ קאַלטע וועלט —
דורך אין ווייסען אָבגעמעלט.
האָלץ און שטוב קיין שייטעלע
און קיין געלד אין בייטעלע.

נישט געקאָכט און נישט געהייצט,
קעלט און הונגער דריקט און רייצט
שלאָף מיין קינד פערפראָרענע!
אָרימע, פערלאָרענע!...

## אין וואַרשטאַט:

אין וואַרשטאַט, ביים שיין פון אַ חלבינעם ליכט,
אין שטויב פון אַ הולצערנער האַמער,

אין יעדער פֿאַבריק, וואו די לופֿט איז געדיכט,
וואו ס'פֿאַלט ווי אַ דונער דער האַמער.

אין וואַרשטאַט בײַם שניידער, אין קוזניע ביים שמיד,
בײַם שײַן פֿון די פֿונקען, וואָס פֿליען,
דערהויבט זיך אַ נייעס, אַ ערעהליכעס ליד,
אַ ליד וועגען פֿאָלק, וועגען ציון.

אין וואַרשטאַט בײַם שפּינדעל, אין קוזניע ביים שמיד,
עס הערט זיך פֿון ליבע און טרייהייט
צום אײַגענעם פֿאָלק, פֿון פֿערגעסענעם גליק,
אַ ליד פֿון דער יודישער פֿרייהייט...

עס הויבט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דאָס ליד,
עס אָטעמט זיך מונטער און פֿרײַער,
ס'גלייכט אויס ויך דער קערפּער, געבויגען און מיד.
עס ברענט אין די אויגען אַ פֿייער...

## א גרוס דער מוטער ציון

„...יאָ, שרייב מיר, ווי זעהט אויס דער פּלאַץ, וואו געטאַנצט
האָב איך דאָרט אין די יונגעלשע יאָרען?
צי בליען נאָך די רויזען, וואָס איך האָב געפּלאַנצט
אַליין אין דעם „עמק-השרון״?

„צי שטעהט נאָך דער „כַּרמל״ פֿון בשמים אַלערליי? —
דער אַלטער „לבנון״, וואָס טוט ער?—
און די שעפּעלעך מײַנע?.. אוי, בענק איך נאָך זיי,
איך בין דאָך געוועזן זייער היטער!

„צי קומסטו נאָך אָפּט אויף די קברים צוגעהן
פֿון די אָבות און העלדען פֿון פֿריהער?
און אויף דעם באַרג ציון יעדען אײנציגען שטיין
גרוס, מאַמעניו, פֿרײַנדליך פֿון מיר!״...

## צו דער חופּה געהענדיג.

צו דער חופּה געהענדיג,
געהט דאָס חתנ׳דעל וויינענדיג:
אָי, ווער, וואָס איך וויין?—
כ׳וואָלט שוין גערן עסען געהן!

פון דעם עסען געהענדיג!
געהט דאָס חתנ׳דל וויינענדיג:
אָי, וועה, וואָס איך וויין?—
כ׳וואָלט שוין גערן אַהיים געהן!

פון דער חתונה געהענדיג,
געהט דאָס חתנ׳דעל לאַכענדיג:
אָי, איך לאַך, אָי, איך לאַך,
האָט׳ס מיר אַלע אַ גוטע נאַכט!

## בּין איך מיר אַ כּלה.

בּין איך מיר אַ כּלה—
אָך, ווי וואויל איז מיר!
ס׳פרעהען זיך מיט מיר אַלע,
די פרייד איז נור בּיי מיר.

שיקט מיר דער חתן אַ בּריוועלע—
צו קושען זיינע ווערטער!
כ׳וואָלט געוואָלט שוין וויסען
צי איז ער מיין בּעשערטער.

שיקט מיר דער חתן מתנות—
בּעטייט ער מיינע יאָהר!
שווערט ער מיר בּנאמנות:
ס׳וועט זיין אויף לאַנגע יאָהר!

פיהרט מען מיך צו דער חופּה,
פיהרט מען מיך צוריק—

שטעהען מיידעלעך און ווייבעלעך
ווינשען מיר גליק.

צו מאָרגענס אין דער פריה
די שמחה איז אינגאַנצען:
דער מאַן זיצט ביים טיש,
דאָס ווייבעלע געהט שוין טאַנצען!

שבת אין דער פריה
פיהרט מען מיך אין שוהל,
שטעהען מיידעלעך און ווייבעלעך
אין די גאַסען פול.

אין אַכט טאָג אַרום
נעמט מען מיר אויף קעסט—
מען האַלט מיר אַזוי אויף,
ווי אַ פויגעלע אין נעסט.

אין פיער וואָכען אַרום
איז די שמחה אויס—
דאָס ווייבעלע לויפט אַרום
ווי אַ פער׳סמ׳טע מויז.

קליידער און נדן
האָסטו מיר געגעבען,
מיט אַ שלעכטען מאַן
מוז איך, נעבין! לעבען!

אָי, אָי, אָי! ווי וואָלט איך שוין גערן
דעם שלעכטען מאַן פטור ווערען!
אָי, אָי, אָי! ווי וואָלט איך שוין גערן
נאָר צוריק אַ מיידעל ווערען!

## אלף=בית.

א׳יפ׳ן פריפעטשיק ברענט אַ פייער׳ל

און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערליך
דעם אלף-בית.

זעהט-זשע קינדערלעך, געדענקט-זשע טייערע,
וואָס איר לערנט דאָ;
זאָגט-זשע נאָכאַמאָל און טאַקע נאָכאַמאָל:
קמץ אלף — אָ!

לערנט, קינדער, מיט גרויס חשק,
אַזוי זאָג איך אייך אָן,
ווער ס'וועט גיכער פון אייך קענען עברי,
דער בעקומט אַ פאָהן.
זעהט-זשע, קינדערלעך, א. אַ. וו.
לערנט, קינדער, האָט קיין מורא,
יעדער אָנהייב איז שווער,
גליקליך דער, וואָס האָט געלערנט תורה,
צי דאַרף דער מענש נאָך מעהר?
זעהט-זשע, קינדערלעך א. אַ. וו.
איר וועט, קינדער, עלטער ווערען,
וועט איר אַליין פערשטעהן,
וויפיל אין די אותיות ליגען טרערען
און וויפיל געוויין...
זעהט-זשע, קינדערלעך א. אַ. וו.
אַז איר וועט, קינדער, דעם גלות שלעפען,
אויסגעמוטשעט זיין,
זאָלט איר פון די אותיות כח שעפען,
קוקט אין זיי אַריין!
זעהט-זשע, קינדערלעך א. אַ. וו.
אויפן פריפעטשיק ברענט אַ פייערל
און אין שטוב איז הייס,
אַזוי לערנט מען מיט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף-בית.

# דער תנא און דער שטן

עס זיצט און עס לערנט דער תנא;
דער שטן ער איז אים מקנא.
ער דרעהט זיך דער שטן אַהין און אַהער;
דער תנא, ער טוט זיך צו אים נישט אַ קעהר

דאַן כשופ'ט אַ כשוף דער שטן;
דער כשוף, ער איז אים געראָטען:
דער תנא ער זיצט אין אַ הערליכען שלאָס
עס פוגקעלט אים פרעהליך די משקה אין כוס

עס קלינגט דאָרט געזאַנג און געלעכטער;
די שענסטע פון מענשליכע טעכטער,
זי זיצט דאָרט און זינגט אים און וויגט אים
און ציהט אים און שלעפּט אים צום טייוועל

אַ גלוט געהט דעם תנא אַריבער,
ער שוידערט אַזוי, ווי אין פיבער;
אָט-אָט און זיין קדושה, זי האַלט שוין ב'שט אויס
דאַן כאַפּט ער און רייסט זיך די אויגען אַרויס

דער הייליגער תנא ווערט בלינד!
דער כשוף דער בייזער פערשווינדט,
די מעשה געהט איבער דורך טויזענדער יאָהר,
ביז אונזער אַ תנא פון אונזערען דור.

עס זיצט אונזער תנא און טראַכט זיך:
נישטאָ גאָר קיין שכן, עס דאַכט זיך,
נישטאָ, אַך, נישטאָ די אַמאָליגע דורות,
נישטאָ די נסיונות, נישטאָ די עבירות:

די וועלט איז איצט שטיל און געוועהנליך,
דער שטן איז אָרעם און קליינליך,
די זינד איז נישט רייצענד, דער כשוף נישט רייך
דער תנא, דער שטן, זיי בענקען צוגלייך.

## בײם װאַלד.

איך שטעה בײַ דעם װאַלד, װאו ס'האָט זיך גישט לאַנג
פֿון פֿױגעל געהערט אַ געטליך געזאַנג.

פֿון ליבע און טרײסט, און שענהײט און פּראַכט—
איך שטעה בײ דעם װאַלד אין טרויער פֿערטראַכט!

װאו זענען זײ אַצינד, די פֿױגעלעך, װאו?
אין לענדער פֿערפֿרעמדט—צי האָבען זײ רוה?

צי זינגען זײ דאָרט אויך לידער פֿון גליק,
צי ציהט זײער האַרץ אַהערצו צוריק?..

## אהײם

דער שנײ צוגאַנגען, ערװאַכט האָט די װעלט,
די זון שײנט מיט שטראַלען און שמײכעלט און קװעלט.
און מחנות־װײז קומען די פֿױגעל צוריק
זינגט פרעהליכע לידער—טשיריק און טשיריק.

עס קומען די פֿױגעל, עס ציהט זײ אַהײם,
צום נעסט צו דעם װײטען, געפֿלאָכטען בײַם בוים.

איך הער זײער זינגען, דאָס האַרץ דריקט און פּרעסט..
אויך מיר װילט זיך פֿליען אַהײם צו מײַן נעסט..

## ציון.

װי װאָלקען אין שטורם־װינד. לויפֿען און פֿליהען
אָהן אָנפֿאַנג, אָהן אויפֿהער די שטונדען און טעג;
די אַלטע אַלמנה-די טאָכטער פֿון ציון,
זיצט טרויעריג, אײנזאַם בײם װעג...

פֿיל רײזענדע פֿאָרען פֿאַרבײ איר און געהען,
זי װענדט זיך צו זײ מיט אַ ביטער געװײן:

אַך, זאָגט מיר, צי האָט איר מײַן קינד נישט געזען,
מיין עלענדען יתום?...—„ניין, אַלטיטשקע, ניין!..״

זיי געהען און רײַטען
פון אַלע פיער זײַטען
צום אַלטען מזבח אין הייליגען לאַנד...
די טאָכטער פון ציון
מיט ווייבען און קניען,
אין שטויב צו פערבאָרגען איר וויטאָג און שאַנד...

עס געהען און געהען אַ טאָג נאָך אַ טאָג;
עס פליען די וואָלקען, עס יאָמערט דער ווינד,
און טרויעריג גיסט זיך אַ ביטערע קלאָג:
—„וואו ביסטו, וואו ביסטו, מײַן קינד?!״

## די אָרימע כלה.

עס שלאָפען אין קליינינקען שטיבעלע אַלע,
עס וואַכט נאָר די עלטערע טאָכטער—די כלה
די חתונה דאַרף ביי איר זיין גאָר אין גיכען
און האָט נאָך נישט פאַרטיג געמאַכט אירע ציכען.
עס לויפט דורכ'ן לייווענד די נאָדעל געשווינד
געדאַנקען זיי יאָגען אין קאָפּ, ווי אַ ווינד.

ווי שווער איז דאָס בעטגעוואַנט מיר אָנגעקומען.
עס האָט מיר מיין רוה און מיין שלאָף צוגענומען;
די פעדערען גאַנצע נעכט פלעג איך פלוקען—
ווער ווייסט נאָך דאָס מזל, ווער ווייסט נאָך די גליקען?
געשאַפט יעדעס קישען מיט שוויס און מיט בלוט—
וועל איך אויף זיי קענען כאָטש ליגען בערוהט?

אָח, ווער איז מיין זיווג? צי קען איך אים גלויבען?
צי וועט ער דעם שלאָף ביי דער נאַכט מיר נישט רויבען
וועל איך נישט די קישען מיט טרערען בענעצען

און אפשר אַ מאָל נאָר אויף ברויט זיי פערזעצען?
פערזעצען, ווי ס'טרעפט אָפט בּיי אונזערע לייט,
ווי ס'טרעפט מיט מיין מאַמען אין בּיטערער צייט!!

## צו אַ בּרודער.

דער הימעל פערצאָרענט,
די ווינטען—זיי בּלאָזען;
וואו בּיזטו, מיין בּרודער,
פערגעסען? פערלאָזען?

וואו בּיזטו פערוואָרפען!
אין וואָס פאַר אַ שטעדטעלע?
צי האָסטו אַ דירה,
צי האָסטו אַ בּעטיל?

איך זעה אויפ'ן הימעל
די וואָלקען זיי שוועבּען—
און זעה אין זיי שוועבּען
דאָן ווייס איך דיין לעבּען.

עס דרינגען די קלאַנגען
פון ווינט אין מיין אויער,
ער גיסט זיך מיר: בּרודער,
אין הארצען דיין טרויער...

## דער קאנארעק

עס טרילערט דער קאַנאַרעק
אין פרייַען וואַלד אַליין:
ווער קען זיין שמחה פיהלען,
ווער קאָן זיין פרייד פערשטעהן?
עס טרילערט דער קאַנאַרעק
אין רייכסטען פּאַלאַץ שען;
ווער קאָן זיין ווייטאָג פיהלען.
ווער קאָן זיין שמערץ פערשטעהן?

## עס זינגט זיך נישט.

אוי, ענטפֿערט מיר, איך בעט אייך זעהר,
וואָס האָב איך מיך דאָ אַזוי צוזינגגען?
דאָס לעבען קומט אָן שווער,
דאָס האַרץ ווערט אָקאָרשט נישט צושפּרינגגען.

אי דאָ, אי דאָרטען טריפט זיך בלוט...
אוי, ווערט פֿערשטימט, איר פֿרעליכע לידער!
דאָס לעבען איז פֿערביטערט, ברודער,
עס זינגט זיך נישט, עס זינגט זיך נישט!

## אין קישען

אין קישען בעהאַלט איך מיין פּנים,
איך נורע זיך אייך טיף און וויין;
דער איינציגער פריינד אין מיין לעבען,
איז מיר נאָר דאָס קישען אַליין.
געפליקט האָט די פעדערען איהרע
מיין שוועסטער ביז שפּעט אין דער נאַכט,
געפּליקט מיט אַ האַרץ אַ צופּליקטען,
פון דחקות פון הונגער פערשמאַכט.
וואו איז יעצט די שוועסטער פערוואָרפען,
וואו איז זי? ווער ווייסט! וואָס זי מאַכט!
דאַרום איז מיר טייער דאָס קישען,
פייכט מאַך איך עס שטענדיג ביי נאַכט!...

## די האָפנונג.

(התקוה)

כָּל-זמן נאָך אין אונזער האַרצען
שלאָגט אַ יודישער געפּיהל,
און צום מזרח בליקט דאָס אויג נאָך,
און עס בענקט זיך אין דער שטיל,—
נאָך נישט איז דער יוד פּערלאָרען,

נאָך איז אונזער האָפנונג גרויס,
אין דעם לאַנד זיך אומצוקערען,
וואו געגלאַנצט האָט דוד׳ס הויז!

כּל־זמן נאָך אַ טרער אַ הייסע
פון אַ יודיש אויג עס רינט,
און צום פאָטער־גרוב אַלס פּילגער
וואַנדערט נאָך איין יוד אַצינד,—
נאָך נישט איז א. אַז. וו.

כּל־זמן נאָך הייליגער זכר
שטעהט פאַר אונז די אַלטע וואַנד,
און עס פאַלט אַ טרער נאָך אָפטער
אויפ׳ן חורבן פונ׳ם לאַנד,—
נאָך נישט איז א. אַז. וו.

כּל־זמן נאָך די ירדן־וועלען
מיט אַ זיסער ברומעריי
גיסען זיך אין ים כּנרת,
פליסען שטראָמען שטאָלץ און פריי,—
נאָך נישט איז א. אַז. וו.

זאָלען קלינגען הויך די ווערטער,
וואָס דער נביא אונז פערטרויט:
„אַז נור מיט דעם יוד דעם לעצטען
איז ערשט אונזער האָפנונג טויט!״—
נאָך נישט איז א. אַז. וו.

## אין שטאָט.

ס׳איז דאָ אַ וועלט פון שענהייט,
פון בוימער, בלומען, גראָז,
און איך זעה נור געמיינהייט
פון יעדען בעל־הבּי

ס'איז דאָ אַ וועלט אַ פראַנקע,
פערנעמט מיליאָנען מייל,
און איך געה־אויס און צאַנקע
אין קאַמער פון פיער אייל...

ס'איז דאָ אַ וועלט אַ ברייטע,
וואָס האָט קיין גרעניץ ניט,
און איך — דער מענש, דער שוטה,
האָב זעלבסט מיך איינגעשמידט.

## מעשה־שטן

אַ טרפה'נע מאַכט האָט דער שטן
און קונציג אין גיהנם פערפיהרט,
מיין באָבע דערצעהלט מיר אַ מעשה,
וואָס יאָהרען צוריק האָט פּאַסירט...

ס'איז ערב יום־כפור געוועזען,
עס קלייבט זיך דער עולם אין שול,
די הייליגע נאַכט פאַלט אַרונטער,
די הערצער מיט שרעק ווערען פול...

אַ פיש האָט אין וואַסער געציטערט,
דער וואַלד האָט די מורא געפיהלט,
נאָר צוויי יונגע לייט אין אַ קעלער
אויסען שטאָדט האָבען קאָרטען געשפּילט.

זאָגט איינער צום צווייטען: עס איז צו
כל נדרי אַ שעה, אויב נישט מעהר,
און לאָמיר נאָך שפּילען אַ ווײַלע
דאַן געה איך אין שוהל מיט'ן שוועהר...

אָט ציגד איך אַ גראָשענעם ליכטעל,
וואָס מעהר, ווי אַ שטונדע נישט ברענט,
ווען אויסגיין דער קנויט פון דאָם ליכטעל,
דאַן נעמען צום שפּיל מוז אַ'ענד...

און ווייטער געשפּילט האָבן ביידע,
כּל נדרי איז לאַנג שוין פאַרביי,
די נאַכט איז אַריבער, עס קומט שוין
דער עולם אין שול פון דאָס ניי...

שוין מוסף, שוין נעילה... דער חזן
פאַרגייט אין אַ לעצטען געוויין,
און ס'שפּילען די חברה,
עס וויל נישט דאָס ליכטעל פערגעהן...

ערשט שפּעטער נאָך צאת הכּוכבים,
דער שמש די שוהל האָט פערמאַכט,
פערלעשט זיך דאָס גראָשענע ליכטעל·
און ס'האָט זיך דער שטן צולאַכט...

## די טאַכע

אין דער טאַכע
ליגט די מזל־ברכה,
דאָס וואַהרע גליק פון לעבען,
קיין זאַך אין איר נישט פעהלט:
עס קומט־אָן דער פריה־מאָרגען,
איך דאַרף נישט ליידען באָרגען,
דער מח דאַרף נישט זאָרגען,
אויף טאָג־הוצאות־געלד;
ס'איז אָנגעגרייט אויף ווינטער,
אַ זאַסיק אַ געזונדטער,
איך זייה, איך שנייד גאַנץ מונטער
פריי אין גאָטעס וועלט!

פון רייכען
ווער קאָן זיך צו מיר גלייכען,
ווער לעבט רוהיג גליקליך,
ווי איך, בויער, אין פעלד?
גיט נור, גאָט דעם רעגען,

פיהל איך גליק און זעגען,
איך פיהר שוין סנאָפּעס וועגען,
היונה פאַר דער וועלט;
איך טהו לייט ערבערען,
מאַרק-לייט און שפּייכלערען,
שיפּערס קאָמיסיאָנערען—
און כשר איז מיין געלד!

פון מאָדעס
האָב איך קיין הכבדת,
ווי אין שטאָדט פערלעבּט מען
מעהר ווי מען פערדינט.
אַ שטרוי-הוט און אַ סוויטע
טראָג איך אָב אַ שמיטה,
און מיט דער זעלבּער שיטה
פיהרט זיך מיין געזינד.
דער סערפּ איז מיין קאַסירער,
דער האָהן—מיין רעפּוטירער,
די זון איז מיין צייט-פיהרער,
מיין פעכער איז דער ווינד!

דער קרעמער
מוז באָרגען יעדען נעהמער,
און מוז נאָך קאָנקורירען
און לייזט אויף דריי פּראָצענט
פון וועקסעלען, טערמינען
דאַרט דער מאַרך, דער זינען,
אין קראָם קאָן ער געפונען
נשאַר פול די ווענד;
איך דאַרף נישט קאָנקורירען,
קיין וועקסלען רעגולירען,
קיין בוך פון חובות פיהרען—
מיין באַנק זענען די הענד

דער שענקער
מוז דולדען יעדען שווענקער,
פאַר יעדען ווערט און שכור
פאַלט די דמים איין.
פון אַקציז די אַגענטען
די טייערע פאַטענטען,
אַז אַ גראָשען אַ צעהנטען
קומט אין טאַש אַריין;
איך בין פון אַלעם אַ פרייער,
בילעט קאָסט מיר קיין דרייער,
דער סנאָפּ, וואָס קומט אין ש־יער,
בלייבט אינגאַנצען מיין!

מיין דאַמע
ברויכט נישט קיין אַמע,
קיין הויז־מעדכען, קיין באָנע,
קיין פּרעסער אויפ׳ן קאַרק!
זי דאַרף קיין הוט, קיין פעדער,
שפּאַצירט נישט אין די סעדער,
פאָהרט נישט אין די בעדער,
ליבערסט פרייטאָג צום מאַרק;
קיין פוץ קיין פּערמאַסקירטען,
אַליין אי אַם, די ווירטין,
און אין פעלד אַ הירטין
און איז געזונד און שטאַרק!

מיט יאָהרען —
מיר ווערט אַ קינד געבאָרען,
ווערט גרעסער מיין הכנסה,
איך קויף־צו ערד אַ שטיק;
אין שטאָדט אַ קינד וואָס מעהרער,
ווערט דעם פאָטער שווערער,
ער מוז זיין אַ דערנעהרער.

אויפ'ן האַלז אַ שטריק,
ביי מיר עס וואַקסען קינדער,
ווערט מיין אַרבייט לינדער
און יעדערער בעזונדער
איז פאַר מיר אַ גליק

## מיין מיידעל

גייה איך אַ פּראָסט קליידעל,
און טהו מיט איר אַ שדוך
אָהן ציהרונג, אָהן נדן.
זעהט אין שטאָדט די כלות
שטעלען פּראָסט בדלות,
רוימט פון שטוב אויס אַלעס,
וואָס נור איז פאַרהאַן
מיר איז לייכט צו קריגען
אַ חתן גראָד אַ היגען,
און גיב נדן צוויי ציגען,
און לעבט גליקליך פאַר דעם מאַן

## בענשען

זאָל גאָט די מענשען,
וועלכע שטיצען ציון
צוריק דאָס לאַנד בענייט.
בענש נור, גאָט, די ריטער,
די קאָלאָניען־בעשיצער,
די אַרבייטער־שטיצער
די זרובבל'ס פון דער צייט;
ווען פון די קאָלאָניע
וועלען ווערען מיליאָנען.
וועט ציון ערשט דערמאָנען
אָט דיזע גרויסע לייט!

## בין איך א מלמד'ל.

בין איך א מלמד'ל,
קנעל איך אויפ'ן דאָרף אַ זמן,
נעם איך דאָרטען מלמדות-געלד
אַנ'אַכטל קאַרטאָפעל פון דעם פאַן.

לערן איך דאָרטן עברי
מיט די פויערישע קעפ,
און איך רייס די מיידלעך
פאַר די גרויסע צעפ.

קאָנטשע איך ביז פסח
דעם גרויסען זמן,
פאָהר איך צו מיין ווייב אַהיים
מיט אַ פוסטען קאַרמאַן.

## די אייזענבאהן.

ווער האָט דאָס געזעהן
און ווער האָט דאָס געהערט,
אַז פייער מיט וואַסער
זאָלען פיהרען ווי אַ פערד!
אָי, האָט ער אַ פייפער
מיט אַנ'אייזערנעם כח,
פון אונטען שיט ער פייער,
פון אויבען שפּאַרט אַ רויך!
הייסע קוילען
איז ביי אים אַ מאכי
קאַלטע וואַסער
איז ביי אים אַ יאַיכ'ל!
אָי, האָט ער אַ פייפער
מיט אַנ'אייזערנעם כח,
פון אונטען שיט ער פייער
פון אויבען שפּאַרט אַ רויך!

רבונו של עולם!
נעם־אָב ביי אים די יאָהרען —
ער זאָל נישט קאָנען פייפען
און זאָל נישט קאָנען פאָהרען!

## דאָס יונגעל.

מען האָט צו דער אַרבייט געגעבען
אַ יונגעל מיט פרייע פערלאַנגען.
עס האָט אים די אַרבייט די גרויע
גענומען צו זיך אין די צוואַנגען.

מיט אויגען פערטרויערטע שטענדיג
פלעגט ער ביי דער אַרבייט זיך שטיקען
און וואַרפען אין טונקעלען פענסטער
פערראומערטע ביטערע בליקען.

געפיהרט האָבען אַלע, וואָס זענען
מיט אים ביי דער אַרבייט געשטאַנען:
ער וועט, ווי אַן אָדלער פון שטייגעל
אַנטלויפען, אַנטלויפען פון דאַנען!...

## אין קוזשניע.

אין דער קוזשניע ביי דעם פייער
שטעהט דער שמידער און ער שמידט
ער קלאַפּט דאָס אייזען פונקען פייער פליהען
און ער זינגט דערביי אַ ליד.

פון דער פרייהייט, וואָס וועט קומען
זינגט ער מוטהיג, זינגט ער הייס:
און ער שפירט נישט, ווי עס גיסט זיך
פון זיין פנים טייכען שווייס.

שטאַרק בעצויבערט פון די פרייהייט
זינגט ער ווייטער און עס קלינגט,

נאָר דער האַמער קלאַפּט נאָך העכער,
און ער הערט נישט וואָס ער זינגט.

און די ערד בעצירט מיט בלומען!
זינגט ער ווייטער זיין ליעד!
אָבגעקיהלט איז שוין דאָס אייזען
און ער קלאַפּט און ווערט נישט מיעד.

## ס'איז אַרויס אַ נייע מאָדע.

ס'איז אַרויס אַ נייע מאָדע;
רויטע סטייגעס, ווייסע קליידער,
און אין סעדעל נאָכ'ן טשאָלענט
לאַכט מען, קושט מען זיך כסדר...

ס'איז אַרויס אַ נייע מאָדע:
שיכלאַך, שיכלאַך און פּאַרפומען—
און אַרום איין מיידעל טאַנצען
בחורים אַ גאַנץ מזומן.

נייע מאָדעס הייבט פערהאַנען;
נעכטען ריזלען, מאָרגען חנה'ן;
אָבער חאַצקעלע מיין שיינער
איז פאַר מיר, פאַר מיר אַליין נאָר!

## איינס, צוויי, דריי, פיר.

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבען
קריגסט אַ כלה—נישט געקליבען!
קלער קיין סך נישט, מאַך קיין שהיות:
כאַפּט אַ צווייטער אויס איז מיאוס!
איך האָב אויך אַ מאָל געפונען
האָניג, נאָר עס איז צערונען.
איינע: עטקע—אַ ברונעטקע,
איינע מינקע—אַ בלאָנדינקע,

שוועסטער—פּאָפּקעס צוויי געטאָקטע,
אויגן קאַרשען קעפּ געלאָקטע
נישט קיין מיידלעך, פּשוט בילדער,
איינע פון דער צווייטער מילדער;
זייער לאַכען זייער רעדען!—
און איך האָב געליבט זיי ביידען:
און כ'האָב נישט געוואוסט דעריבער,
וועמען פון זיי האָב איך ליבער.
איז אַוועק אַ פּאָר מאָנאַטען
און איך האָב מיך אַלץ בעראַטען—
פּלוצלונג האָבען אַ פּאָר שדים
אויסגעכאַפּט, אוי וואָס, זיי ביידען!
איצטער שטעה איך אויף דער גלעטער
ווי אַ נאַר אַן אויסגעשטעלטער,
ווי אַן אַלטער, גלעטער למך
און איך דאגה און איך קלעם מיך...
על כן זאָג איך קאַוואַלערען—
אויב איר ווילט מיין עצה הערען:
איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבען
קריגסט אַ כלה—נישט געקליבען;
קלער קיין סך נישט, מאַך קיין מיהיות
כאַפּט אַ צווייטער אויס, איז מיאוס.

## יענער האָט א הויכען מויער.

יענער האָט אַ הויכען מויער!
דער—אַ שטיבעלע אָהן שויבען—
חיה די אַלמנה האָט
אַ נעסטעלע געבענטשט פון גאָט,
אַ נעסט מיט זיבען טויבען.
איינע שוואַרץ און איינע קלאָר
און איינע האָט געקרויזלטע האָר:
איינע און איינע מיידלעך ברען—

ניט ליבען אלע זיבען קען
א פרא-אדם נאַר...
איינער האָט געפּילטע שלייען;
איינער האָט אַ טאָרבּע קלייען,
ווילסט אָבּער אַ שנאַפּס מיט טאָרט,
דאַרפסטו נישט קיין אַנדער אָרט,
ווי בּיי אונזער חיה׳ן.
ס׳איז אַ אוצר מיט אַנטיקען:
לעקעכלאַך מיט הייסע בּליקען,
און עס שפּילט אין גלאָז די טיי.
ס׳שטיבּעל ריין, דער טישטיך—שניי,
פּשוט צו דערקוויקען!
שלמה האָט זיך טויזענד ווייבּער,
איך האָב איינע, קאָן זי שרייען,
זאָל מיר צו קיין גנאי נישט זיין,
אין אָווענד כאַפּ איך מיך אריין
אַ ווייליגקע צו חיה׳ן
קום איך נאָר בּאַפּאַלען מיך
די טייבּעלאַך אַ גאַנץ טוץ,
ס׳ווערט אַ פּלאָנטער—האַנד און פיס,
אַזוי מחיה׳דיג און זיס—
די מאַמע קוועלט פונווייטען.

## די קירכען-גלאָקען.

אָ, וואָס קלינגט איהר, קירכען-גלאָקען,
הערט שוין אויף געגוג געשראָקען,
האָבען אייערע ווילדע טענער
אונזער אָרימע וועלט!

איהר דערמאָהנט מיר יענע רוחות,
די קאָטוילישע מלוכות,
וועלכע האָבען עשאַפּאָטען

הויכע אויפגעשטעלט!

איי'ערע טענער רופען הענקער
צו מערטירען יעדען דענקער
יענעם קאַז אַראָבצוהאַקען,
וועלכער בויגט זיך נישט;

אָ, איר ווילט די וועלט פערוויגען
מיט אַ שוואַרצען, טויטען ניגון
און פערדעקען מיט אַ מאַנטעל
פון אַ יעזואיוט.

כ'האָב א נייעם גלאָק בעשאַפען,
צו ערוואַכען טויטע שקלאַפען—
נישט אין קירכען—אין דער לופטען
הענג איך אים אַרויף.

נישט צום שרעקען נאָר צום וועקען
גאָר די וועלט אין אַלע עקען,
קלינגט ער מוטיג, רופט ער פרעהליך:
שטעהט צום לעבען אויף.

## דאָס נייע ליד.

און זאָל זיי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום,
דאָך קומען וועט
צי פריה, צי שפעט
די צייט—עס איז קיין חלום!
איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פריד,
די מעכטיגע געזאַנגען.
און יעדען טאָן
פון ליד זאָגט-אָן:

די זון איז אויפגעגאַנגען!
עס ענדיקט די נאַכט,
די וועלט ערוואַכט
פול האָפנונג, לוסט און שטרעבען
און זאַנפטער לופט
אַ שטימע רופט:
צו מוטה און קראַפט און לעבען!

## מיר ברעכען.

די אויגען פול צאָרען, פערגאָסען מיט בלוט
די הערצער זיי שלאָגען מיט קראַפט און מיט מוט.
מיר שטעהן ביי אַ הויכער געמויערטע וואַנד
מיט האַמערס און אייזענס און לאָטען אין האַנד—
מיר ברעכען, מיר ברעכען די אייזערנע וואַנד.

די וואַנד איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פערצאַמט אונז די וועגען צום לעבען און גליק,
פערשטעלט אונז די ליכטיגע שיין און זי מאַכט
פון פרעהליכסטען טאָג אונז אַ טרויריגע נאַכט—
מיר ברעכען, מיר ברעכען...

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנד ווען אַראָב
אַ שטיין, צו אַ ציגעל טרעפט וועמען אין קאָפּ,
די איבריגע בלייבען דאָך שטעהן גאָר אָהן שרעק
מיר ברעכען, מיר ברעכען.

די אַרבייט דאַרף רוהען, די אַרבייט איז שווער
פערזאַמעלט זיך ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדערער צולייגען פעסט נאָר אַ האַנד
מיר וועלען די הויכע געמויערטע וואַנד
צוברעכען, צוברעכען!
און אַרבייטען ווייטער! מען לויפט נישט אַוועק—

# אַ מאַשין

עס רוישט אין פֿאַבריק אַזוי ווילד די מאַשינען,
אַז אָפטמאָל פֿערגעס איך אין רויש, אַז איך בין
און ווער אין דעם שרעקליכען טומעל פֿערלוירען
מיין איך ווערט דאָרט ב ט ל—איך ווער אַ מאַשין!

איך אַרבייט און אַרבייט און אַרבייט אָהן חשבון,
עס טוט זיך און טוט זיך און טוט זיך אָהן צאהל,
פֿאַרוואָס? און פֿאַר וועמען? איך ווייס נישט איך פֿרעג נישט,
ווי קומט אַ מאַשין גאָר צו דענקען אַ מאָל?

נישטאָ קיין געפֿיהל, קיין געדאַנק, קיין פֿערשטאַנד גאָר,
די ביטערע בלוטיגע אַרבייט דערשלאָגט:
דאָס איידעלסטע, שענסטע און בעסטע, דאָס רייכסטע,
דאָס טיעפֿסטע, דאָס העכסטע, וואָס לעבען פֿערמאָגט.

עס שווינדען סעקונדען, מינוטען און שטונדען,
גאָר זעגעל-שנעל לויפֿען די נעכט מיט די טעג;
איך טרייב די מאַשין, גלייך איך וויל זי דעריאָגען,
איך יאָג אָהן אַ שכל, איך יאג אָהן אַ ברעג.

דער זייגער' איז ווערקשטוב, ער רוהט נישט אַפֿילו,
ער ווייזט אַלץ און קלאַפּט אַלץ, און וועקט נאָכאַנאַנד;
געזאָגט האָט אַ מענש מיר אַ מאָל די בעדייטונג:
זיין ווייזען און וועקען—דאָרט ליגט אַ פֿערשטאַנד.

נאָר עטוואָס געדענקט זיך מיר פּונקט ווי פֿון חלום;
דער זייגער'—ער וועקט אין מיר לעבען און זין,
און נאָך עפּעס—איך האָב פֿערגעסען—נישט פֿרעגט מ'ס,
איך ווייס נישט, איך ווייס נישט, איך בין אַ מאַשין...

און צייטענווייז, ווען איך דערהער שוין דעם זייגער,
פֿערשטעה איך גאַנץ אַנדערש זיין ווייזען זיין שפּראַך;
מיר דאַכט, אַז עס נוקעט מיר דארטען דער אומרוה,

כ׳זאָל אַרבּייטען, אַרבּייטען מעהרער, אַ סך!

איך הער אין זיין טאָן נאָר דעם הער׳ס ווילדען בייזער,
זיין פינסטערער קוק—אין די ווייזער די צוויי:
דער זייגער, ער גראַבּעלט, מיר דאַכט, אַז ער טרייבּט מיך
און רופט מיך: מאַשין! און ער שרייט צו מיר „ניה״...

## ווער ס׳האָט פערל

דער פערמאָגט פערל,
און זיידענע בגדים,
און יענער—קדחת
מיט כשרע פאדים.
און איך האָב דריי טעכטער
דערוואַקסענע מיידען—
זיי דאַרפען שוין מאַנען,
נישטאָ וואָס צו ריידען!
זיי דאַרפען שוין מאַנען,
ווי אַזוי זאָל איך זיי זוכען?—
איך האָב נישט צו קליידען
איך האָב נישט צו שוכען,
היינט וויל יעדער חתן,
וגו וואָס קאָן איך טון אים:
צעהל אָפּ און דערלאַנג
די נדן מזומנים
נו געהען אַוועק
די חתנים מיט גאָרנישט;
אַ שאַנד און אַ וועהטאָג
עס מאַכט זיך קיין פּאָר נישט
דער „כיבוד״ שפּאַצירט,
און דער זעלביגער דוקא—
פון שאַפּקע צום טיש

און פון טיש צו דער שאַפּקע
דער „כיבוד״—דאָס זענען
די דריי אַפּעלסינען
וואָס העלפען מיר זוכען
חתנים געפונען,
און ביסלעך אַ טעשעל,
וואָס יעדערען ווייז איך...
און יוגענד פאַרגייט
און כאָטש נעם און צורייס זיך
אין יוגענד פאַרגייט..
און פון טעג ווערען יאָהרען,
די עלטערע געבען,
שוין גרוילך געוואָרען,
די דריי אַפּעלסינען,
זיי פוילען צו ביסלאַך,
דער טישטוך פאַרשעמט
און פאַרשומעלט די ביסלאַך...
יאָ, ס׳ווענדט זיך אָן מזל:
דעם—זיידענע בגדים
און יענעם—קדחת
מיט כשר׳ע פאדים,
און איך האָב דריי טעכטער...

# עס האָט מיר מיין מאַמע דערציילט

ס'האָט מיר מיין מאַמע דערציילט, אַז אַ מאָל
נישט ווייט פון דעם הייזעל געווען אַ טאָהל
אַ גערטעל האָט זיך דאָרט צוגרינט,
און געוואוינט האט דאָרטען אַן ערליכער יוד.

ביים יודען איז אַן איינציגע טאָכטער געווען,
אַן איינציגע טאָכטער גראַטען זעהר שעהן,
מיט שוואַרצע זיידענע צופלאָכטענע האָהר,
מיט שוואַרצע פער'כשופ'טע אויגען אַ פּאָר.

נישט ווייט פון דעם הייזעל נעבען דעם טאָהל,
געווען איז אַ טייכעל, ווי שפּיגעל און קרישטאָהל,
דאָס מיידעל האט זיך צום טייכעל געבוקט
און האָט דאָרט אין וואַסער דעם שפּיגעל אָנגעקוקט.

געקוקט און געקוקט, געוואָרען פאַרבענקט,
דאָס פּנים פון בענקשאַפט האָט זיך פאַרקרענקט
עס האָט זיך איר געדוכטען פון טיפען שויס,
אַ מיידעלע, ווי זי קוקט פון וואַסער אַרויס...

איר האָט זיך געדוכטען, אַז דאָס מיידעלע וויינט אַ געוויין:
איך בין אַ יתומה עלענד און אַליין,
קום שוין מיידעלע, קום צו מיר,
דו וועסט זיין, מיידעלע, אַ חבר'טע צו מיר.

צומאָרגענס דער הימעל איז געווען פערצוגט,
עס האָט זיך אַ ווינדטעל נאָך איר געיאָגט,
דאָס ווינדטעל צוערשט, דער טאַטע—צולעצט,
נאָך דער קבורה שבעה געזעצט...

## אזרא פון היינע׳ן.

יעדען טאָג ווען עס ווערט נאר אָבענד
ביים פאנטאַן וואָס שפריצט אין גאָרטען
געהט אַרויס דעם סולטאַנס טאָכטער
און שפּאַצירט ארום דאָרטען
געהט אַרויס דעם סולטאַנס טאָכטער
און שפּאַצירט ארום דאָרטען.

יעדען טאָג ווען עס ווערט נאָר פינסטער
ביי די שטראמען קוואַלען וואַסער
שטעהט פערטראַכט אַ שקלאַף אַ יונגער
ווערט פון טאָג צו טאָג אַלס בלאַסער
שטעהט פערטראַכט אַ שקלאַף אַ יונגער
און ווערט פון טאָג צו טאָג אַלס בלאַסער.

איינמאָל פרעגט אים די פרינצעסין
שטיל אין אויער רוישט צוזאַמען
זאָג דיין נאָמען וויל איך וויסען
פון דיין היימאַט פון דיין שטאַמען
זאָג דיין נאָמען וויל איך וויסען
פון דיין היימאַט פון דיין שטאַמען.

ענטפערט ער איר: איך הייס מאַכמעט
פון דער היימאַט וויט פערטריבען
און געהער צו יענע ראַסע
וועלכע שטאַרבען ווען זיי ליבען
און געהער צו יענע ראַסע
וועלכע שטאַרבען ווען זיי ליבען.

# דער אָוועגד גלאָק

אָ, מוזע, רוף מיך נישט! מיט דיינע צויבער־פינגער
וועק נישט די סטרונעס פון מיין קראַנקען האַרץ!—
פער׳משפט איז צום טויט דיין בלאַסער זינגער
צו ענדע איז דאָס ליד פון קאַמף און שמאַרץ!

זיין וועג וואָהין זעהר שווער, ער האָט אויף אים בעגעגענט
דערנער, שטיינער, פערלוימדונג, הונגער, קעלט—
עס האָט געבליצט, געדונערט און גערעגענט—
און ער האָט אָבדאַכלאָז געוואַנדערט אויף דער וועלט.

יעצט קלאַפּט דער טויט אין זיין לעבענס־קאַמער,
ער זאָגט: צו ענדע איז דיין אַרבייטס־טאָג!
פערלעש דיין פייער, לייג אַוועק דיין האַמער,
קום! דו הערסט? עס קלינגט דער אָווענד־גלאָק!

עס קלינגט דער אָווענד־גלאָק! יאָ, איך הער אים קלינגען
מיין טויט־אורטייל הער איך אין זיין קלאַנג—
און לעבען ווילט זיך... ס׳ווילט זיך טרוימען, זינגען,
קעמפען געגען יעדען שקלאַפּענצווייג!...

איך וואָלט געוואָלט, אָ, פאָלק! דיין רויטען זעגעל
נאָך מאַכען רויטער מיט מיין האַרצענסבלוט...
און, ווי אַ לייב מיט זיינע שאַרפע נעגעל,
דיין פיינד בעקעמפען מיט שטאָלצען העלדענמוט!

דאָך, וואָס נוצען די הייליגסטע פערלאַנגען:
צו ענדע איז מיין לעבענס שטורם־טאָג!
צו ענדע—טרוימען, טרעהרען און געזאַנגען—
עס רופט דער טויט, עס שלאָגט דער אָווענד־גלאָק.